STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04018

FLAMEN

Josef Luden

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יוסף לודען

פלאַמען

תל־אביב 1983

Copyrigth by **Josef Luden**

"FLAMEN"

Tel Aviv, „Problemen", Tel. 453102

1983

פאַרלאַג „פּראָבלעמען"

טל. 453102

דפוס „אורלי" — פרידמן תל־אביב, טל' 332062

מעדיטאציעס אין פערזון

צו וואָס דאַוונען מיט אַ מנין?

צו וואָס דאַוונען מיט אַ מנין
און נאָכזאָגן אַ פאַלשן אָמן?
בעסער שעפּטשען אַ תפילה איינזאַם,
איידער קניען פאַרן שקר געמיינזאַם.

ווייס איך ניט צו איר וועט מיר מוחל זיין;
וואָס אין פרעמדן געשפּאַן כ׳וויל ניט גיין,
וואָס אין גרויסן כאָר־האַרמידער,
דאַוון איך אין אַן אייגענעם סידור.

אַנטלויף איך פון אייערע טראָמפּייטן־שאַלן,
פון אייערע שאַרע טורמע־אידעאַלן
און שריי אויס מיין שאַרפן — ניין!
ווייל אַנדערש כ׳וויל די וועלט זאָל זיין.

מעגט איר טייטלען אויף מיר מיט די פינגער —
— היי דו ביסט אַן אַנאַרכיסט!
יאָ, כ׳בין אַ דרייסטער זינגער,
ס׳זינגט די פרייהייט אין מיין ברוסט.

אַנטלויף איך פון מושטירטע, מונדירטע געדאַנקען —
כ׳בין אין מענטשן־כאָר אַ — סאָלאָ־געזאַנג,
נאָר ווען געבוירן וועט אַ נייע פאַרייניקטע האַרמאָניע,
ווער איך, אין מענטשן־כאָר אַן אַקאָרד פון איר סימפאָניע

דיכטונג

דיכטונג מוז גאָר ניט טראָגן קיין מאָדערן קלייד,
כאָטש ניט צעקריגט מיטן גייסט פון דער צייט.
זי דאַרף שפּילן אויף סטרונעס פון פייער־מוזיק, —
צום פּשוטן וואָרט עס בענקט זיך צוריק.

קיין פאַלשע געזאַנגען זי קען ניט פאַרדייען,
פון פּאָעטישע ירידן אַ ווערטער — הולטייען,
פאַר צעשויבערטע ווערטער — אַ זעלטן אַנטיקל, —
פאַר פוסטע קלאַנגען זיך קיינמאָל ניט ביקן.

נאָר שעפּן געוואָגטע, דרייסטע געדאַנקען,
פון זויבערע קוואַלן, די בעסטע געטראַנקען.
אַ געזאַנג, ווי מיט אַדלערישע פליגלען געפלויגן,
אין געוואָגטן פלי, יעדעס וואָרט אָפּגעוווגן.

זי קומט ניט צו מיר, ווי אַ פּאָעט־פּאַסאַזשיר,
אַ וואָלקן אין הויזן, וואָס קלאַפּט אין מיין טיר.
ניט ווערטער, וואָס זענען, ווי פייגל אין קעפּ,
נאָר צום הימלישן לייטער ליכטיקע טרעפּ.

זאָלן דיינע לידער פון פרייהייט צעפלאַמטע,
זיין פון שטורעם און חלומות צוזאַמענגעראַמטע.

מיינע ווינטמילן

אויף הויכע בערג מיין חלום וווינט,
צו קלעטערן הויך כ׳בין לאַנג שוין געוווינט.
צי וועל איך דערגרייכן? גאָט אַליין ווייסט,
דאָך קלעטערט כסדר מיין צעשטורמטער גייסט.

זוך איך אַ לייטער צום הימלישן היכל,
זוך איך אַ בריק צום מענטשלעכן גליק.
נאָר עס גיסט מיט טרויער אָן אַ שיעור,
טויזנט פידלען וויינען אין מיר.

וועק איך אויף חלומות פאַרשפּאָטע,
מיט צוואַנגען אַרויסרייסן די וועלט פון דער בלאָטע.
שווימט מיין גורל צווישן חלומות און געפילן,
כ׳שלאָג זיך, ווי דאָן קיכאָט, מיט פוסטע ווינטמילן.

אַ בלינדער גורל!
קלאָג־ליד פון יסורים און ליידן,
ס׳זענען מיינע פּאַלאַצן צעבראָכענע ווענט,
און מיינע ווינטמילן, ווי טרויעריק איר זענט!

עס שוועבן...

עס שוועבן אין די טויערן פון מיין זכרון,
די שטורמישע טעג פון אַנטלאָפענע יאָרן.
מיט חלומות, ווי שטערן פאַרזאַמטע,
מיט ווײ־און־ווינד געגראַמטע.
נישטער איך אין אוצרות פון אַלטע ביכער,
און בין ווייט גאָרניט זיכער,
צי ווער האָט מיר צוגעזאָגט פון רויזן אַ גן־עדן.
דערפאַר אין גיהנום פון טויזנט ליידן,
ווען אויף דער נשמה ווערט ביטער און וויסט,
וואַרף איך מיינע חלומות אַרויס אויפן מיסט.
צי האָב איך דען ביים אַרכיטעקט פון דער וועלט,
מיר אַזאַ קלאָגעוודיק לעבן באַשטעלט?

איז דען אַ וווּנדער, וואָס דער צער אין האַרצן ווייטיקט,
ווען מען האָט די באַן פון גליק פאַרשפּעטיקט?
מיין שיף איז דאָך צו קיין פּאָרט ניט דערשווימען,
צו קיין זיכערן ברעג ניט געקומען.
קענען דען ווערטער אַלץ דערזאָגן,
מיט וויפל ווייטיקט אַ האַרץ איז אָנגעלאָדן?

און אַז כ׳וועל אַוועק פון דער וועלט,
ווער וועט דען נאָך מיר וויינען?
עס וועט די זון, ווי גאָרניט געשען,
זי וועט ווייטער אין הימל דאָרט שיינען.

מיר שרייען — לא תרצח!

מיר שרייען — לא תרצח! פון געשאָכטענע העלדזער,
די לוחות פון סיני ליגן פון שקר צעשטאָכן.
און מיר איינגעשפּאַנטע אין טויזנט יאָכן,
שווימען אונטער זעגלען פון שטורעמס צעבראָכן.
אַליין זיך געקאָוועט אין קייטן פון געזעצן,
אונדזערע נשמות געפאַנגען אין גלוחישע נעצן,
שווימען מיר אויף דער שיף פון רשעות אַ מיסטעריע
און זאָגן ניט קיין — אָמן, אויף אייער סדומישער אימפּעריע.
נאָר זוכן אַן אמת, וואָס זאָל צו אַ ברעג אונדז דערפירן.
מעגן מיר טעג און נעכט אָן אויפהער דיסקוסירן,
אָדער אונדזערע מיילער אויף זיבן שלעסער פאַרשליסן, —
עקלט אונדז דער שקר פון הימלען וואָס גיסן.

ווילן מיר, די צעשמעטערטע רעשטלעך פון אַ חלום־לעגיאָן,
אַרויפזעצן די פרייהייט אויף איר גאָלדענעם טראָן —
שווימט פאָרווערטס, בלויע זעגלען, צום לאַנד פון ליבע דרייסט!
דעם האַס פון די הערצער פאַרלעשט, באַפליגלט דעם גייסט,
מיר פאַרמאָגן בלויז אַ נאָמען, אין קעשענע אַ פּאַס,
טראָגן די פרייהייט אין האַרצן, ווי אַ מאַטראָז דעם קאָמפּאַס.

מיט רויך און פלאַמען

מיר ביידע, ווי פון דער זעלבער מאַמען,
פון דער זעלבער אָרעמקייט מיר שטאַמען;
פון די זעלבע ברוסטן־גלויבן געזויגן,
פון די זעלבע, אוניווערסיטעטן פון לעבן, דערצויגן.

ביידע ניט פאַרמאָגט צופיל ברויט,
דאָך ליב געהאַט דאָס לעבן, ניט געבענקט נאָכן טויט.
פון די זעלבע פּיינען און זעלבע ליידן.
די זעלבע זון געוואַרעמט אונדזביידן.

מיר ביידע ביי די זעלבע טויערן,
פון אַ וועלט, וואָס זאָל פון אַ חלום געבוירן.
פון זעלבן ברונעם געשעפּט טרויער און פריידן,
ניטאָ קיין סיבה וואָס זאָל אונדז צעשיידן.

דאָך ביידע געבליבן ערגעץ־ווו שטיין,
יעדער אין אייגענעם ווייטיק אַליין,
ווייל אַוועק מיטן פייער, מיט רויך און פלאַמען,
איז דער חלום וואָס מירן געשפּינט צוזאַמען.

דוד ערלשטאַדט

קיינער קען קיין ליד ניט טויטן,
וואָס זינגט אַרויס פון אַ פרייען גייסט,
וואָס קען מיט האָפענונגען באַלויכטן,
מיטן וואָרט צו טראָגן טרייסט.

„אַ גוטער פריינד ווען איך וועל שטאַרבן”,
האָט ער געזונגען פאַר זיין פריען טויט. —
ווער האָט אַ חלום מיט שקר באַפאַרבן ?
ס׳איז היינט די פאָן פון חרפה רויט.

„ווי לאַנג, ווי לאַנג וועט איר זיין שקלאַפן” ?
האָט דרייסט געפרעגט דער קעמפער־פּאָעט.
מיט פראַגן וואָס קענען פייער באַשאַפן,
פייער וואָס קיינמאָל פאַרלעשן וועט.

דוד עדלשטאַדט דער פרייהייט־נאַכטיגאַל,
געהייליקט דאָס פשוטע וואָרט און געשמידט,
פון קבר צום פאָלק ער זינגט אַלץ,
דאָס פרייע ליד, דאָס שטורעם־ליד.

דאָס ליד פון בונט פון אַדלערישע קלאַנגען,
ניט פאַר קרעמערישע נשמות, וואָס מיט „איזמען” האַנדלען.
נאָר פאַר צעפלאַמטע הערצער מיט דרייסטע געדאַנקען,
וואָס טראָגן ניט דעם שקר קיין חניפה־געזאַנגען.

אויף מיין קבר־שטיין

ניט געבוירן אין אַ העמדל קיין זיידן,
האָט גאָט פאַרשלאָסן פאַר מיר זיין גן עדן.
דאָך אַרום עגל־זהב קיינמאָל ניט געטאַנצט,
ניט מיט גאווה מיין קאָפּ באַקראַנצט.
ניט געלאָזט פונעם שקר ביי דער נאָז מיך פירן,
פאַר דרייסטע געדאַנקען ניט פאַרמאַכט מיינע טירן.
געבאָדן אין ים פון כלערליי תורה׳ס.
אַרויס פונעם חדר — אַ פרומער אַפּיקורס.
כ׳האָב מיין פשוטקייט קיינמאָל ניט פאַראַטן,
אַ פאַרמעגן געירשנט פון אייגענעם טאַטן.
דאָך פוץ איך זיך ניט אין צניעותדיקן שלייער,
כ׳האָב דעם יצר הרע אויך געצאָלט אַ שטייער.

נאָר אַוועק איז מיין לעבן אַ ביסל צו גיך,
זיך געבלעטערט די יאָרן, ווי זייטלעך פון אַ בוך.
אויף די פערד פון דער צייט געוואָרן אַ רייטער,
עס אַנטלויפן די היינטן, וואָס ווייטער און ווייטער.
און היינט ביי מיין ביאָגראַפיע די ענדע,
ס׳מאָלט זיך מיין נאָכטן — אַ ראָזע לעגענדע.
דערלויבט מיר באַנוצן אַ פּאָעטישן זאָג,
אַוועק איז מיין לעבן ווי אַ זומער־טאָג.
זאָל זשע אויף מיין קבר־שטיין, אויסגעקריצט זיין:
— דאָ ליגט אַ חלום באַגראָבן.

אַ שאָד

ווי גוט איז צו טרוימען, ווי גוט איז צו טראַכטן,
ווען עס שפּרייט אויס זייער כּישוף די זומער־פאַרנאַכטן,
ווען עס גיסט זיך דער צויבער פון נאַכטיגאַל־געזאַנג,
די בענקשאַפט צום נעכטן, פאַרזונקען אין באַנג.
ווי דער טייערסטער שמייכל פון מיידלישן חן,
ווי פּערל־טראָפּנס פון זיסן וויין,
וואָס גיסט זיך גלייך אין האַרץ אַריין.
אַזוי פריידיק די זון, די וועלט אַזוי שיין,
ווי דער חלום פון אַ זומער־פאַרנאַכט,
אין פאַרבענקטן זונען־פאַרגיין.

צו וואָס מיין פריינד פּטרן איבעריקע רייד,
די וועלט איז דאָך באַשאַפן פאַר שיינקייט און פרייד.
נאָר אַ שאָד, וואָס דער שטן המשחית, דער טייוול־דעמאָן,
אַ שאָד, וואָס איבער די פעלקער די באָסן,
האָבן גאָטס שיינער וועלט מיט רשעות פאַרגאָסן.

אויך אַ טרייסט

ווען נשמות, ווי בלוטיקע מעסערס,
בויען אויף פּולווער־פּעסער,
זייערע פינצטערע שלעסער.
בוי דיין גן עדן פון ציגל און ליים,
אונטער קוימענס אויף שינדל־דעכער,
פון די יאָדלעס און כאַטעס ניט העכער.
בוי ניט אויף ווינטן, פאַרנעפּלטע טומאַנעס,
נאָר אויף פעסטע יסודות, וואָס אין הערצער פאַראַנען.

בוי דיין גן עדן אַ פריי און גערעכטיק,
ווי פרייד זאָל הערשן ברייט און אַלמעכטיק,
מיט ליבע־געזאַנגען צום שלום־פּראָנט שפּאַנען —
זעלנער באַוואָפנט מיט בלומען און גראַמען.
פון טריישאַפט און פרייהייט צוזאַמענגעפלעכט,
קיינער פאַר קיינעם ניט זיין זאָל אַ קנעכט.

וואַרט זשע ניט אויף נסים מן השמים,
און שפּאַן אויף די וועגן צו אַ ליכטיקן לחיים.
זיי ניט פאַרייאושט, וואָס די אַרבעט דויערט לאַנג,
צו יעדן גן עדן ניט לייכט איז דער גאַנג.
אפשר ביז אחרית־הימים — ווער ווייסט?
אויב אַפילו אַ חלום — איז אויך דאָס אַ טרייסט.

אָדלערס־בוסטאַרן

אַ אָדלער בוסטאַרן גיט מיר אייערע פליגלען,
כ׳וויל איבער שטורעמס און שוואַרצע געוועבן,
מיט אייך אין די הייכן פריי אַרומשוועבן,
דאָרט אין די הימלען מיט אייך כ׳וויל לעבן.

ניין בן אדם!
ניט פאַר דיר זענען אָדלערישע פליגלען,
ווייל ביסט אין קייטן פון שנאה
צו דער ערד צוגעבונדן.
מיט אַגרעסיע און אכזריות ביסט מענטש,
פון מעכטיקן טייוול מיט רשעות געבענטשט.
דיין גייציקייט, ווי אַ לאַסט דיך באַשווערט,
מיט שלאַנגען־גיפט דיין נשמה דערנערט.
כאָטש דיין קאָפּ צו הימלען רייסט,
אין טיפער בלאָטע זינקט דיין גייסט.
האָסט די הימלישע־ליכט פון די טעג,
פאַרביטן אויף ערדיש־פאַרמעג.
פעלט דיין האַרץ דער פרייער־גלי,
פאַר געוואַגטן, דרייסטן פלי.
ווייל קענסט קיין קנעכטישע קייטן צעררייסן,
וועסט אָדלערישע פליגלען ניט קענען צעשפּרייטן.
כאָטש דיין אַמביציע פליט אויף אייזערנע פליגלען,
צו אָדלערישע פרייהייט וועסט ניט דערגרייכן.

יאָ, נאָר אַן אָדלער קען
צו העכסטע הימלען זיך דערהייבן,
און קוקן אַן שרעק אַריין,
אין דער ליכט פון אייביקער שיין,
קוקן דעם אמת, גלייך אין די אויגן אַריין.

שולמית

אַן אַלטע געשיכטע וויל איך באַקאַנט,
ס׳האָט אַ פאַרליבטער מלך איבער ירושלים געשפּאַנט,
זיין חכמה איז פון טויזנט ווייבער פאַרהיט,
נאָר אין אַ פּאַסטוך־מיידל ער האָט זיך פאַרליבט.
געהאַט האָט שולמית אויגן שוואַרצע ווי קויל,
אַ העלן געלעכטער אין איר מיידלישן מויל.
ווי די רויז פון שרון, שענער פון טרוימען,
אַ גאָרטן פון בלומען, אַ סאָד פון מילגרוימען.

אין ירושלים, פון לעגענדעס און הייליקע תורה׳ס,
ווי אין עולמות העליונים פלעכטן זיך דורות,
איז אויף דער גאָס פון הונדערט טויערן,
די שיינע שולמית דאָ ווידער געבוירן.
ישיבה־בחורים אין פּילפּול איבער אַ בלאַט גמרא,
טייטשן דעם שיר השירים מיט פשעטל, אַ סבורה,
גיט אַ בחור פון האַרצן אַ טיפן זיפץ,
און רופט שולמיתן אין פיבער פון היץ.
שיין ווי אַ ליליע, מיט ריח פון בשומים,
ניט אין חלום איז זי צו אים געקומען,
ער האָט שולמית אַ לעבעדיקע דערזען,
אין דער הייליקער שטאָט קען אַלץ דאָך געשען.
איז זיין האַרץ מיט ליבע געוואָרן פאַרגאָסן,
כאָטש דעם סוד אויף זיבן שלעסער פאַרשלאָסן.

זאָל זשע געבענטשט זיין דאָס האַרץ וואָס קען ליבן,
פאַר וועמען דאָס הייליקע שיר השירים איז געשריבן.

אַן אַנדער פּאַריז

ווי זענען פּאַריז דיינע העראָישע צייטן,
הוגאָס גבורים געבונדענע אין קייטן?
ווי זענען דיינע צעשטורעמטע מאַסן,
פון בעלוויל און מאָנטמאַרטער גאַסן,
דיינע זשערמינאַל־פראַנצויזן,
די סאַנקולאָטן אין לאַנגע הויזן?
ווי זענען די עליזעס, דיינע שיינע טעכטער,
וואָס האָבן געשאָסן אויף באַריקאַדן,
אויך מיט געזאַנג און געלעכטער.

ניטאָ מער דאָס פּאַריז פון מאַרסעליעזע־ניגון,
נאָר פון חטא און זינדיקע פאַרגעניגן.
אַן אַנדער פּאַריז פון ברייטע בולוואַרן,
און אַ טרויער־וואַנט פון דערשאָסענע קאָמונאַרן.
אַן אַנדער פּאַריז איצט פאַראַנען.
מיט העלדן גייציקע פון באַלזאַקס ראָמאַנען.
פּאַריז די שטאָט פון גרויסן רעוואָלט,
הייַנט באָדט זיך אין לוקסוס, פאַרשיכורט פון גאָלד.
אויסגעבאָלעט אין פאַרשייטע גלוסטן,
טאַנצט אַ נאַקעטע פאַר אַמעריקאַנער טוריסטן,
וואָס קומען דאָ טרינקען פראַנצויזישן שאַמפּאַן,
און זינדיקן מיט „הייליקע" בתולות פון אָרלעאַן.
ביסט פּאַריז אויסגעפלאַסטערט פון געשיכטע־געזאַנגען,
דיין גלאַנץ פון אַמאָל ניט־געזעטיקטע פאַרלאַנגען.
דיינע נעכטיקע העלדן פון בית־עולם־וועלט,
פאַרשלייערט אין מאַסקעס, ווי אין פּורים פאַרשטעלט.
הער איך מאָליערס איראָנישן לאַכן —
דיין גלאָריע און העראָישע טאַטן,
שימלען אין פאַנטעאָן פון אַלטע זאַכן.
פון דיינע האָפענונגען אָפּגענאַרטע,
שטייט אַ דענקמאָל פון באָנאַפּאַרטע,
פאַר דעם, וואָס אויף דיינע אַקסלען, ווי טרעפּ,
געטראָטן צו מאַכט איבער אָפּגעהאַקטע קעפּ.
צום פאַרשוועכטן חלום, צעטראָטענעם גלויבן,
ס'וואָרקען פון בענקשאַפט צו זיי דיינע טויבן.

***

צווישן נעפּל־גרוי אין בלויען ים
אַ זעגל־שיפל בלייבט זיך איינזאַם. —
וואָס זוכט זי אין ווייטע לענדער?
פאַרוואָס פאַרלאָזט זי איר היים?

עס שפּילן די כוואַליעס, ס'פּייפט דער ווינט,
עס בייגט דער מאַשט זיך און ער סקריפּעט;
אַ—ניט קיין גליק זי זוכט געפינען
און ניט פון גליק זי וויל אַנטרינען! —

דער ים מיט כוואַליעס פון לאַזור,
און איבער אים דאָס גאָלד פון זונען: —
און זי די צעבונטעוועטע, בענקט צום שטורעם,
ווי נאָר אין אים זי וואָלט איר רו געפינען.

(איבערגעזעצט פון לערמאָנטאָוו)

ווער ביסטו מענטש?

צי ביסטו מענטש די קרוין פון יצירה,
פון קאָסמישן שׂכל אַ גענישלער בליץ,
און אפשר גאָר אַ ביאָלאָגישער טעות,
פון קלוגן באַשאַף אַ לצונישער וויץ?

און אפשר אַ צופעליקע פּרוכט, אַרויס פון כאַאָס,
אַ גוף מיט אַ נאָמען, אַראָגאַנט, אַמביציעז;
אַ קנויל פון צערייצטע אינסטינקטן,
פון ליכט און פינצטערניש אַ ניט־לאָגישער סינטעז,

אַ געשטאַלט באַלאָדן מיט שׂכל, ווי אַ קעמל מיט פּעק,
טראָגט אַ משא מיט פאַרוואָסן אין זיין נשמה־העק.
מיט גוטסקייט און רשעות באַלאַסט ביסטו מענטש,
פון גאָט און פון טייוול מיט סתירות געבענטשט.

און אפשר גאָר אַ ניט־שטאַנדהאַפטיק באַשעפעניש,
גאָטס אַ ניט־געלונגענער עקספּערימענט.
פון פאַנטאַזיעס און שטימונגען אַ געמיש,
אַ שפּיל אין בלינדן גורלס הענט.

אַ באַשעפעניש וואָס טויט איינער דעם צווייטן,
פאַרגיסט מיט בלוט גאָטס שיינע טאָלן און בערג,
פאַרוואַנדלט די וועלט אין אַ גיהנום פאַרשייטן, —
האָט גאָט אפשר חרטה אויף זיין ניט־געלונגען ווערק?

און אפשר האָט גאָט פאַרן מענטש זיינע סודות פאַרשלאָסן,
געלאָזט אים זיך ראַנגלען מיט טויזנט פאַרוואָסן?
דו מענטש זאָלסט זיך קיינמאָל דערוויסן,
וואָס עס קומט פאָר אונטער די שטערן־קוליסן.

דער מזרח רופט

עס רופט דיך דער מזרח, צעבונטעוועט פֿאָלק,
דאָרט וואַרט אויף דיר דער גרויסער טאָג,
וואָס גיכער קום קיין אַזיע,
צעשפּרייטן די זעגלען פֿון דיין פֿאַנטאַזיע!
מאָביליזיר זיך אין דער אַרמיי פֿון לויטערע פֿאַרלאַנגען.
ס׳האָט דער הימל זיך אויסגעלייטערט,
די זון איז אויפֿגעגאַנגען.
הערצער מיט דינאַמיט פֿון פֿרייד —
פֿון פֿרייהייט איר פֿאַלאַנגעס׳ —

און איר דיכטער — ווערטער־מיליאָנערן,
איר קענט, מיט אייערע פֿעדערס, אַ וועלט איבערקערן.
באַלאָדן מיט סאָנעטן־ווירזיעס,
מיט פֿערזן באַוואָפֿנטע, פּאַעטישע דיוויזיעס.
איר שטורעמט אַלע פֿעסטונגען מיט וווּנדערלעכע לידער,
וואָס רופֿן אַלע פֿעלקער ווערן זאָלן ברידער.
מוזיק זאָל פֿליסן אויף אַלע פֿראָנט־קאָנצערטן,
פֿון אייערע צעפֿלאַמטע הערצער, ווי אָרקעסטער־אינסטרומענטן.

אַ תּפילה

ס׳קען דער טייוול דעם מענטש ניט פֿאַרגינען אַ ביסעלע גליק,
שמייסט ער מיט שטורעם, מיט בייזן ווינט.
פֿאַרלעשט דאָס ליכט פֿון העלן טאָג
און בילט, ווי אַ מחנה צעיושעטע הינט.
קום איך, ווען זון פֿאַרגייט צו נעילה,
צו דיר מיט אַ הייסער תּפילה:
— רבונו של עולם, לאָז ניט באַרויבן,
קיין אײנציקן שמייכל פֿון אַ פּיצל קינד!
פֿאַרלעש ניט דעם פֿלאַם פֿון דער יוגנט,
דערשטיק ניט דעם חן פֿון טעכטער־געזאַנג.

אַ גאָט, זײַ אַלע באַהיט, —
וואָס שפּאַנען דורכן לעבן מיט ליבע און ליד.
גיס ניט אויס דײַן צאָרן אויף קיין איינזאַמען מאַן,
ביים לעצטן קאַפּיטל פֿון זײַן לעבנס־ראָמאַן.
צעטרעט ניט דעם רוח הקודש פֿון מענטשלעכן חלום,
נאָר שענק אונדז אַ תּורה פֿון ליבע און שלום.

און דו מענטש,
אין דײַן שטרעבן נאָך וויסן און ליכט,
דינען דעם טייוול איז גאָר ניט דײַן פֿליכט.
דעם צלם אדם ניט פֿאַרשעם!
ניט שטאַרבן, נאָר לעבן זאָלסט אויף קידוש השם.
באַפֿרײַ דײַן נשמה פֿון שרעק און פּײַן
און האַלט אָפּ נצחונות איבער זיך נאָר אַליין.

ס'ווילט זיך נאָך ניט...

כ'פּיל אַלץ דעם זיסן ריח פון ליפּע־בוים,
ס'באַגלייט מיך דער טעם פון מיין יינגלישן טרוים.
וואָס קען פון פרילינג־גלי זיין מער ליבער,
ס'בענקט מיין האַרץ צו אים מיט פיבער.
צו דער יוגנט־פרייד מיט סודותדיקע טעמען,
כ'וויל טובלען מיין חלום אין צעברויזטע ימען.
אַ ביסל אַ שטיף טאָן, אַ ביסל הולטייען,
ס'זאָל, ווי שאַרפער וויין, דעם קאָפּ אַזש פאַרדרייען.
כאָטש די יאָרן זיי פאַרבן די האָר שוין אויף גרוי,
דאָך איז די נשמה נאָך בלויער פון בלוי.
נאָך אַלץ מיט ראָזע חלומות פאַרזייט,
כאָטש אַוועק איז מיין נעכטן אַ ביסל צו ווייט.

געבליבן אַ בענקנדיקער ניגון פון אַבשייד און באַדויער,
נאָך יאָרן, פאַרלאָשענע פייערן, דערטרינקענע שיפן,
כ'געזעגן אייך, ניט מיט חרטה, נאָר מיט טרויער,
ווי מען געזעגנט אַ געליבטע אויפן שוועל פון איר טויער.

כ'בענק צו מיין נעכטן, ווי שיפן צו היימישע פּאָרטן,
כאָטש עס וועלקן שוין די בלומען אין מיין האַרבסטיקן גאָרטן.
עס בריט אַלץ מיין האַרץ מיט פלאַמיקן שטרעבן,
ס'ווילט זיך נאָך ניט געזעגענען מיט דיר מיין לעבן.
כ'וויל ניט פון מיין הייסן שטורמיש לעבן
זאָל אַ טרויער־מאַרש ווערן.

נשמות ווי ליכטלעך אָן קנויטן

נשמות ווי ליכטלעך אָן קנויטן,
וואָס קענען ניט ברענען און קענען ניט לויכטן,
אייך חלומט זיך אַ רעגן פון גאָלדענע דוקאַטן,
איר קניט פאַרן עגל־זהב און זיינע פראַלאַטן.
אַ נאַראָנים וואָס איז זענט, גייציק ביז דער לעצטער שעה —
דאָרט ווי דער טויט קעניגט איז קיין געלט ניטאָ.
מעגסט זיין אַ מיניסטער אָדער גרעסטער גביר,
וועסט גלייך מיטן קבצן ליגן, מיט די פיס צו דער טיר.

מעגסט זיין אַ גענעראַל, אַ גרויסער צעלייגער,
מיט קאָפּשווינדל פון דערפאָלג פאַרבלענדט,
ווען פיני לאַ קאָמעדיאַ, וועט זיך אָפּשטעלן דיין זייגער,
וועסט פאַר הונגעריקע ווערעם אַ חשובער קליענט.

וואָס מיינסטו און וואָס האָסטו געוואָלט,
מען זאָל דיך באַגראָבן אין אַ קאַסטן פון גאָלד?
וועסט אין קבר ליגן נאַקעט און הויל,
און לעקן דאָס זאַמד מיט דיין שטומען מויל.

קיין לויתן־פלייש וועסט אין גן עדן ניט קייען,
כאַטש מיט גאווה האָסט דיין קאָפּ פאַריסן.
אַן אָרט אין קבר פאַר דיר שטענדיק וועט סטאַיען,
און פאַר די ווערעם אַ גאַנץ פעטער ביסן.

אָ איר אַלע, וואָס שטרעבן צו ווערן מעכטיקער, רייכער,
עס וועט פון אייער נאָמען אַפילו ניט בלייבן קיין זכר.

תל־אביב

עס אָטעמט די שטאָט מיט בענקשאַפט און טרוימען,
עס הויבן זיך אַלץ העכער, דעכער איבער דעכער.
מנחם מענדלס אויף דער בערזע פון חלומות,
לויפן אַרום, ווי אין יהופעץ פאַרשמאַכטע
מיט גאַנצע פעק ביטערע זכרונות, —
דאָס איז תל אביב, די שטאָט פון נסיונות.
ווי אויסגעבענקטע טרוימען־אַנגעצונדענע לאַמטערן,
איינגעהילט אין סודות ציטערן די שטערן.
זע, ווי פון חלום־ברוסט געזויגן,
וואַקסט אויס אַ שטאָט, ווי אַ קינד, פאַר דיינע אויגן,
ווי אַן עלנט פאַלק געפינען איר דאָר,
פון קינדישן שמייכל געשאַפן אַ שפּראַך.
צווייפיסיקע ביכער, וואונדער־עקזעמפּלאַרן, —
לעבעדיקע ראָמאַנען שפּאַנען אויף טראָטואַרן.
אונטער אָפענע פענצטער און טירן פאַרמאַכטע,
ס'שיינען פּנימער פריידיק צעלאַכטע.
פלאַטערט אויף אַ חלום — אַ הייסער באַגער,
די נאַכט שענקט אַ שמייכל באַגלייט מיט אַ טרער.

ווייל ניט טרעפן זאָל די ביטערע שעה,
ווען מען רופט דאָס יונגוואַרג אַוועק ערגעץ ווו...
וואָס קומט ווי אַ צרה די שלווה צעשטערן,
מיט ביטערן ווייטיק און מאַמישע טרערן.
טראָגט זיך אויף גאַסן — אַ האַרצן־ריס, —
שפּאַנט אַרום די בענקשאַפט מיט באָרוועסע פיס.

איז גוט וואָס גאָטס־חכמה צוליב דעם מן הסתם,
אויסגעגאָסן ביי דיין שוועל, פון האָפענונג אַ ים,
פאַרליבטע פאַרלער, ווי צייטיקע בלומען,
זייער חלומות לאָזן איבער כוואַליעס שווימען.

כ׳האָס אַלע געטער

מיט וואָס פאַראַ כעס האָבן זיך צעבייזערט די געטער,
צעבלאָזן זייערע ווינטן, צעוויגט די שטורעמס.
פון הימל צעשליידערט דונער מיט בליצן,
ווי פון טויזנטער שדים — ציינער קריצן.
אפשר לאָכט דאָס דער טייוול אונטער וואַלקן־שלייער,
מיט דעמאָנישן געלעכטער פון דונער־קלאַנגען?
דאָס האָט די סטיכיע זיך צעגאָסן, צערייסט אַלע צוימען,
צעוויגט אַלע קרעפטן פון טונקעלע תהומים.
דאָרט בושעוועט אַ טייפון, איבערן ברייטן פּאַציפיק
און שליידער שניי־כוואַליעס פון בערגער צוריק.
מיט גרויסן אומעט פון הימלען כליפּעט,
פאַרלעשט דעם לעצטן אָטעם, וואָס קוים זשיפּעט.

אַזוי בושעוועט דער קאָסמיש־ווילדער רשעות,
מיט אויפרייס־מוזיק פון צעשטערונג־פּראָצעס,
ווי אַ צעשטורעמט געמיט, וואָס כעסט און ברויזט,
דאָס ווייזן די געטער זייער צאָרנדיקע פויסט.
פון צעברויזטן פאַנאַטיזם, צערייצטע אַמביציעס,
פון מאָרד און פאַרניכטונג — הייליקע אינקוויזיציעס.

שטיי איך פאַר קאַטאַסטראָפעס פון סטיכישן באַשאַף,
פאַרן סוד פון טויזנט אייביקייטן,
אויך איך בין פון צעאוסן געקאָוועט אין קייטן,
אונטער זיין דעספּאָטישן, וויסטן דונער־וועטער, —
ווי פּראָמאָטעאוס איך האָס אַלע געטער.

דער טייוול אַ פילאָזאָף

אַ קורצזיכטיקער מוח אויף ווענן נאָר קרומע,
אַ סעקרעטאַר־פונקציאָנאַר, אָן האַרץ, אָן נשמה.
אַ פּנימלאָז געשטאַלט, שוואַרץ, אַנאָנים,
געבאָדן אין בלוט — אַ פאַרשאָלטענער פּסעוודאָנים.

ווען דער טייוול פאַר אַ פילאָזאָף זיך פאַרשטעלט,
צו קניען פאַרן שקר אַלעמען באַפעלט
און מיט זיין טייוולאָניש, גרויזאַמער מאַכט,
הענגט אויף איבערן לאַנד אַ פינצטערע נאַכט.

שרייבט ער געשיכטע מיט אייזערנעם קנוט,
טינקט זיין פעדער אין טייכן פון בלוט.
זיין פאָן פון שנאה רויט פון שאַנד,
פלאַטערט איבער טורמע און קברים־לאַנד.

אַ פאַרוואָס גרייט איר ניט הימלען געטריי,
פאַרן בלוטיקן פּסעוודאָנים אַ פריילעכע לוויה?
אַז פאַרלאָשן זאָל ווערן די ווינטער־נאַכט,
נעמען זאָל אַ סוף צו דער טייוולאָנישער מאַכט.

ס'פיבערט אַ חלום אין נאַכט

פאַרלאָשן פון טאָג דעם רעש,
שווידערט אַ פאַרנעפּלטער מיראַזש,
אַ מכשפה אין גרויע האָר,
פליט אויף אַ בעזעם — אַ שוואַרציאַר.
פון ערגעץ שדים אויף אַ חלום לויערן,
וואָס וויל אַ משיח פון אַ פינצטערניש געבוירן.
בעטן זיי אויס פאַרן שוואַרצן שטערן — יעגער,
פאַר אים אַ פינצטערן געלעגער,
ווען אין חושך דעם לאַנגווייל׳ן,
צאַנקט די וועלט אין שטילן שווייגן.
אַ גאָט זאָלסט ניט באַשטראָפן,
ווער ס׳האָט אין נאַכט אַ חלום פאַרשלאָפן!
אפשר האָט זיי ווער ניט פאַרגינען,
און דער חלום איז אַנטרינען?

דאָך זוכט ווער גליק מיט אויגן בלינד,
אַנטלויפט פון רו צו חטא און זינד
און קלאַפּט פאַרשייט אין פרעמדע טיר.
דאָס האָט פון בענקשאַפט גרויסער פּיין,
ווי הונדערט פידלען אַ געוויין.

אויפן ברייטן חלום־מאַרק,
לעשן זיך געצונדענע באַגערן,
פיבערט אַ חלום אין נאַכט
און ווישט פון די אויגן די טרערן,
ווייל צום חלום־לאַנד ניט דערפלויגן,
אַ צו ווייטער אַהין מהלך.
און אפשר ווייל אין נשמה־קאַטאַקאָמבן,
ראַנגלט זיך טייוול מיט מלאך?

כ׳האָב ליב די וועלט

כ׳האָב ליב די וועלט ווי אַן אייגענער היים,
דאָס לעבן מיט געזאַנג, ליבע און וויין.
אַלע פאַרכישופטע שטעט און פאַרחלומטע גאַסן,
דעם פלאַם פון פרייהייט, ביי אַלע פעלקער און ראַסן.
כ׳האָב ליב ז[illegible]ענא, דיינע אַלטע באַלאַדעס
און דיך באַרצעלאָנאַ, פון ליבע און באַריקאַדעס.
כ׳האָב ליב דעם שמייכל פון זוניקן פראַכט,
די שלאַנקע טענצערינס פון „טויזנט און איין נאַכט.״
און אַלץ וואָס פרייד, אַלץ וואָס שיין,
דעם פאַרכישופטן געזאַנג פון „דער לארעליי ביים ריין״;
די פאַריזער גראַציעס, ווי טאַנצנדיקע סילועטן,
די ליבע־סערענאַדעס פון טויזנט פאָעטן;
אַלע פאַרקן און פאַנטאַנעס פון חלום צעגרינט —
אין דער מוזיק פון לעבן כ׳בין פאַרליבט!

כ׳האָב אָבער פיינט די צביעות פון דיפלאָמאַטישע געטער,
וואָס טראָגן דעם שקר אונטער זייערע צילינדערס בסתר.
וואָס פאַרפלייצן די ערד מיט טרויער און לייד,
און עלנט פליסט פון זייערע פאַלשע רייד.

כ׳וויל די וועלט זאָל זיין אָן פיין, אָן טרערן,
אַזוי ליכטיק, ווי די מלכה פון מיינע באַגערן,
ווי אַ דאָרפישע באַטע מיט ליימיקע קוימענס,
פון וואַנען עס פליסן אַרויס, די שענסטע חלומות.
ווי אַ דאָרפישע מויד, מיט ניט־געשמינקעווטן חן,
מיט באָרוועסע פיס, ערלעך און שיין.
באַטעמט ווי דאָס קאָרן־ברויט,
פראָסט און פשוט, ווי די ערד אַליין,
זאַפטיק ווי די יאַגדעס אין וואַלד,
אַזוי זאָל מיין באַשערטע זיין,
די גאַנצע וועלט, מיין אייגענע היים.

אַן איינטריט־קאַרטע

לידער אויף מיין צונג מיר פלאַמען,
מיט זיי איבער אַ פרייער וועלט כ׳וויל שפּאַנען.
נאָר די וועלט אין פינצטערניש געפאַנגען,
נויטיקט זיך דען אין ליכטיקע געזאַנגען ?

הענגען מיינע לידער, ווי חלומות אָפּגענאַרטע
ווי האַרבסטיקע בלעטער אויף צווייגן פאַרדאַרטע.
דאָס לעבן האָט גאָרניט קיין וואַזשנעם טעם,
אַזוי אומגעלומפּערט, ווי אַ שלעכטער גראַם.
מיינע גאָלדענע חלומות לאַנג שוין פאַרשוווּנדן,
די באַגערטע פרייהייט — אין קייטן געבונדן.
וואַקסט ניט אין מיין גאָרטן קיין האָפענונג־בלומען,
מיין לעבנס־וואָר שוין גרויע האָר באַקומען.
מיין גרינער חלום ליגט ערגעץ באַגראָבן,
ווי אַ דערשטיקט וואָרט, אַ ניט־דערזאָגן.
מיינע אני־מאמינס אויף די וועגן פאַרלוירן,
קיין נייע האָפענונג — אין ערגעץ ניט געבוירן.

שפּאַן איך, אַ פאַרבלאָנדזשעטער, איבער צעבראָכענע בריקן,
מיט רויך און אין לעגענדעס באַגלייט.
די מידע פראָנטן פון לעבן, —
מיט געדיכטער פינצטערניש פאַרזייט.
כאָטש שווער איז מיר צו גלויבן,
אַז אַ גן־עדן וואַרט מיך דאָרט אויבן,
כ׳בין אויך גאָר ניט זיכער צי אויף דעם נייעם פּלאַנעט,
כ׳וועל געפינען אַ לעבן מיט זייד אויסגעבעט.
האָב איך זיך מער ניט וואָס צו נאַרן,
רייס איך די בלעטער פון קאַלענדאַרן,
ווען די ווייזערס פון זייגער פירן מיט דער צייט אַ געפעכט,
שלינגען איין — טעג, פרעסן אויף נעכט,
וואַרט איך אויפן וואָלקן, וואָס די ליכט פון מיין זון וועט פאַרשטעלן,
גרייט אַן איינטריט־קאַרטע אויף „יענער וועלט" צו באַשטעלן.

וואָס איז לעבן

ווער ווייסט צי אַן עונש צי אַ שכר איז דאָס לעבן,
אָדער פון גאָט אַ מתנה געגעבן, —
חלומות צו שפּינען, פאַנטאַזיעס צו וועבן,
גאָרניט דערגרייכן און אייביק צו שטרעבן?

לויפן ווי כוואַליעס די טעג פון דיין לעבן,
ווער ווייסט ווּהין און נאָכוואָס?
בלאָנדזשעסטו אַרום און טאַפּסט אין דער פינצטער,
ווי אַ בלינדער זוכסט דעם סוד און דעם ווּנדער
און טרינקסט ביטערניש פון לעבנס־כוס.

פירט דיך די געשיכטע איבער לעגענדעס שפּאַצירן,
אין דער וועלט־שיף פון בלינדע פּאַסאַזשירן,
מיט מענטשן־פּעטס ווערן די רעדער געטריבן,
מיט בלוט און מיט שווערד די געשיכטע געשריבן.
און דו טרוימער פון אַ וועלט אַ גערעכטע,
טרעטסט, מיט אייגענע שטיוול, איבער חלומות פאַרשוועכטע.
עס מאָלט דיין דמיון גאָלדענע מיראַזשן,
מיט אַ שטריק אויפן האַלדז שפּאַנסט איבער טויזנט געפאַרן.

דו אומגליקלעך חיהש־געשטאַלט,
בויסט דיין גליק אויף צוואַנג און געוואַלד,
אויף אייביקע מלחמות און פרעכע זיגן,
קאַנאָנען־דונער, וואָס ווערן ניט אַנטשוויגן.
ביז וועסט מענטש פאַרוואַנדלען — אוי־וויי!
די גאַנצע וועלט אין אַ וויסטן פּאָמפּיי.

ס'איז מענטש צו זיין דיר אַ קלעזמער באַשערט,
אויף דער בינע פון לעבן — אַ בלוטיקער קאָנצערט.

אַזוי האָט געזאָגט לוזיסטראַטאַ

צי האָט איר קריגער פאַרלוירן דעם פאַרשטאַנד,
דעם מענטשן־מין באַדעקט מיט שאַנד?
פון רום פאַרבלענדט, דורשטיק נאָך בלוט,
צום מאָרד־פאַראַד, איר האָט נאָר מוט.
דו מענטשן־קינד זיך נאָר פאַרטראַכט:
אַנשטאָט מאָרד אין ווילדן שלאַכט,
אַנשטאָט אומקומען פון פאַרשאָלטענעם וואָפן
בעסער פון אַמאָרס פיילן צו ווערן געטראָפן.
וואָס פאַראַ גליק צווישן פייער און רויך,
צו בלייבן אין פעלד מיט אַ צעריסענעם בויך?

מיר ווילן אייך באַלוינען מיט אַ בעסערן פאַרגעניגן,
אויף די פראָנטן פון ליבע האַלט אָפּ אייערע זיגן.
קומט צו אונדז איר קריגערישע גרענאַדירן,
אין לאַנד פון ליבע מירן אייך פירן,
ווי ר'ועט געפינען בעסערע גליקן,
מיט ווייבלעכע ליפּן דאָס האַרץ זיך דערקוויקן.

אָבער פאַר די וואָס מיט בלוט זייערע הענט באַפלעקן,
מירן אונדזער פאַרמעגן מיט אַ פייגן־בלאַט פאַרדעקן,
צו זיי פון בלוט ניט־זאַטע,
אַזוי האָט געזאָגט לוזיסטראַטאַ.

סדומישער מאָראַל

אויב אַ חטא איז באַגאַנגען אַ מיידל,
פאַר וועמען צו הויך געהויבן דאָס קליידל,
געהאַט די חוצפּה מיט וועמען זיך לייגן,
אַזאַ זינד מיר טאָרן ניט פאַרשווייגן.
מען דאַרף דער חצופה דאָך לערנען מאָראַל,
אַז געדענקען זאָל דער גאַנצער כלל.
אַפילו זיי, וואָס זינדיקן אַליין,
זאָלן וואַרפן אין מיידל דעם ערשטן שטיין.

אָבער ווען מיליאָנען ווערן אויף טויט דערשלאָגן,
וועט דאָס געוויסן די מאָראַל־פּרעדיקער ניט פּלאָגן,
מאָרדן אויף מלחמות איז גאָר ניט קיין זינד,
דאָס זענען דאָך העלדן, וואָס טויטן פרויען און קינד.

פאַר דערמאָרדן איין מענטש צאָלסט מיט קרימינאַל,
מאָרדן מיליאָנען איז כשר, לעגאַל,
הינקט טאַקע אויף קולעס אייער סדומישער מאָראַל.

וועלט־באַשווינדלערס

איר קלאָענען פון צביעות און שקר,
וואָס רופט צו מלחמות און פרעכע נצחונות,
אָפּאָסטאָלן פון פּאָליציייִשע פּאַלקעס,
וואָס פּרעדיקן שקר אויף הונדערט לשונות.
איר געזאַלבטע וועלט־פאַרשוואַרצערס,
וואָס רופן צו קניען און שרייען — הוראַ!
פאַר וואַנזיניקע קאָמענדיאַנטן אויף טראָנען.
ווי אַ דולע מאַנשאַפט פון שיכורע מאַטראָזן,
וואָס טרייבן די זעגלען צו פאַרשאָלטענע ברעגעס —
צו פאַראַנקערן זייער גלויבנס אין זינדיקע פּאָרטן.
איר בלאָטיקע מיילער פון צילינדער־אינטריגאַנטן,
מיט געשליפענע צינגער, ווי פאַלשע בריליאַנטן.
עס עקלט אייער הערשערישער אַראָגאַנץ,
אייער מונדירן־סטראַי און פענער־גלאַנץ,
אַ געשטאַנק פון מלוכהשע שטאַלן,
מיט אַ פּסולת־געמיש פון קברים־אידעאַלן.
איר וואָס מיט בלוט פאַרשמירטע הענט,
שרייבט געשיבטע מיט פייער און שווערד
מיט קינזשאַלן און ביקסן־שפּראַך,
מיט תלין־שטריק פון הענקער־פּאַך.

אָ, איר פעלקער־באָסן,
מיט ווילדער שנאה איר האָט די וועלט פאַרגאָסן.
איר ווילט אונדזערע נשמות אין שוואַרצן באַקליידן,
אויף הילצערנע קולעס אונדז טרייבן,
צו אייער מרודנעם קרעטשמע־גן־עדן.

איר וועלט־באַשווינדלערס,
כ׳מוז אייער סדומישע אימפּעריע נעגירן,
ווייל זי איז נישט ווערט צום עקזיסטירן.

פריי איז מיין פאָלק

אַרויס פון די קברים, נאָכן פינצטערן בראַנד!
זיי פריי מיין פאָלק אין דיין אייגענעם לאַנד.
נאָך טויזנטער יאָרן געקומען צוריק,
מיט בלוטיקע טרערן, איבער צעבראָכענע בריק.

דורות לאַנג געוואַרט אויף אַ נס,
נאָר משיח האָט פאַרלוירן צו דיר דעם אַדרעס,
וויינט ער דאָרט אין רוים ביי די טויערן,
און אפשר איז משיח נאָך אַלץ ניט געבוירן?

מוזטו אַליין זיך פון קנעכשאַפט דערלייזן,
און דרייסט צום נייעם אויפגאַנג צו שפּרייזן.
שפּאַן איין די טראַקטאָרן, די אייזערנע פערד,
פאַרזיי מיט פרייהייט דיין אייגענער ערד.

קיין טרייהייט דיין ערד זאָלסט ניט שפּאָרן,
און מיט געזאַנג פון פרייע קאַיאָרן,
מיט מאָזאָלישע הענט פאַראַקער דיין פעלד,
און בויג ניט די קניען פאַר דער סדומישער וועלט.

גליל

ווי עפּעס פון כישוף באַצווּנגען,
כ׳קום גליל דיך באַזינגען,
דאָס שיינע ווינקעלע פון לאַנד,
ווי אויסגעמאָלט פון אַ קינסטלער־האַנט.
פון פאַרליבטע קאָלירן מיט בענקשאַפט געמישט,
די שפּיצן פון בערג פון די הימלען געקושט.
די פייער־פאַרבן פון זון־אונטערגאַנג,
טרינקען אָן די בערג מיט ליבע־געטראַנק.

טוט זיך אָן דער גליל אין זילבערנעם פּראַכט,
פאַרוויגט אינעם צויבער פון פאַרכישופטער נאַכט.
צווישן די שטערן די לבנה אַרומוואַנדערט,
ביז ס׳ווערט אַ נייער טאָג אויסגעשוואַנגערט.
אָט רייסט זיך דורכן וואָלקן־קאָרידאָר,
אַ ווייס־זילבערנער שיין פון נייעם קאַיאָר.
באַלד וועט נאַכט ווי אַ חלום צערינען,
און געבוירן וועט אַ גאָלדענער באַגינען.

אַ מאָרגן, ווי אַ ניי געבוירן ליד,
אין ווונדער־שיינקייט איינגעהילט.
די פאַרטרוימטע בערג, ווי דאָס האַרץ פון מיין גאָרטן,
זיי שווייגן פאַרבענקטע, ווי די שיפן אין פּאָרטן.
ביסט גליל פון אַ ווונדער־ליד די נשמה,
וואָס קען אַזוי פיל ליבע שענקען,
און רופן מיין האַרץ זאָל צו דיר בענקען און בענקען.

פאַרהייליק ניט

פאַרהייליק ניט קיין טרערן־וואַנט, ניט קיין שנאה־מויערן,
דאָרט ווי פריינדשאַפט בליט, משיח ווערט געבוירן.
אַ שלום צווישן פעלקער, ווי אַ לעגענדע וועט זיך וועבן,
פאַרגיס זשע ניט קיין בלוט, הייליק איז דאָס לעבן!!!
ווער עס זייעט דערנער, פון הונגער וועט ער שמאַכן,
פון ביטערע טרערן — מען קען קיין ווייַן ניט מאַכן.
ווער עס שפּאַנט דורכן לעבן, מיט ליבע און מיט לידער,
צווישן אַלע פעלקער געפינען וועט אַ ברודער.

זינגט זשע ניט פּאָעטן קיין מלחמה־איליאַדעס,
שפּילט אויף אייערע פידלען ליבע־סערענאַדעס.
פאַרשיכורט ווערט פון הייסן ליבן,
פאַרוווּנדיקט אייערע הערצער פון צעגליטע ליפּן.
פון ליבע־ברונעמס גליק צו טרינקען,
אייערע צעגליטע פעדערס אין הייסן טינט צו טינקען.

ירדן

ס'שוועבט דער אָוונט איבערן ירדן,
אַ לעגענדע וויגט זיך, ווי אַ יאַכט.
אַן עכאָ פון קלאַנגען געהיימע,
טינקט זיך אין זילבערנעם פּראַכט.

באַדן סודות זיך אין וואַסער,
דער ירדן־טייך ער גענעצט פּויל,
ווי אַ וואָרט אַ ניט־דערזאָגטע,
געבליבן שמעקן אינעם מויל.

עס פיבערט מיט טיפער בענקשאַפט,
פאַרכישופט אינעם וואַסער־שוים,
אין דער מלכות־נאַכט נגינה,
פאַראַנקער איך מיין טרוים.

אין כישוף־געבט פון זיסע טרוימען,
חלומות אויף די פליגלען שוועבן —
אין אַ זיסן טייך פון ליבע,
שווימען זאָל מיין לעבן.

איבער ימיקע שוימען

איבער צעברויזטע ימיקע שוימען,
באָדט זיך די זון אין פלאַמיקע טרוימען,
ווי אַ לעגענדע וויגט זיך אַ שיפל פון ווייטן,
ווי זי וואָלט אירע זעגלען פון ליבע צעשפּרייטן.
צווישן צעשליידערטע כוואַלעס צעברויזטע,
באָדט זיך אַ רוסאַלקע אין גאַנצן אַנטבלויזטע.
ברייט אירע אָרעמס, ווי פליגלען צעשפּרייטע,
ווי עס גאַרט נאָך זי׳ן אַ ווייב אַ פאַרשייטע
גלוסטיק ווי דער ווינט נאָך ווילדן וויילן,
וואָס לעבצט נאָך אַמאָרס פאַרסמטע פיילן.
אָט שווימט איר אַנטקעגן אַ כוואַליקער ריז
און וואַרפט זיין גבורה צו דער ים־כלה׳ס פוס.
אפשר אַן אַנטוישטער מיט פאַרדרוס מן הסתם,
דערטרינקט ער זיך אין כוואַלעס פון ים.

פאַרכישופט פון פאַרנאַכטיק צעברויזטע קרעפטן,
וויל איך מיין חלום אין די כוואַלעס אַריינפלעכטן,
טובלען מיין דמיון אין צעוויגטע ברויזן,
אין צעפלאַמטער סטיכיע פון כוואַליקע שויסן.
מיין בענקשאַפט אין טרוימישער שיכרות פאַרזינקען,
פון צעברויזטע חלומות דעם האַניק כ׳וויל טרינקען.
דאָרט ווי עס באָדן זיך אַלע בענקשאַפטן און שטרעבן,
כ׳וויל מיין חלום מיט שיינקייט פאַרוועבן.

פאַרוואָס ?

אָ הייליקע מאַדאָנע, דו שיינע מאַמע פון גאָט,
פאַרוואָס איז דיין גלויבן אויף שאַנד און אויף שפּאָט ?
די שענסטע חלומות וואַלגערן זיך אין מיסט,
דיין עוואַנגעליע פון ליבע־געטרעטן מיט די פיס ?

אויך דו אַללאַ, אַלמעכטיקער גאָט,
ביסט אויך גאָרניט קיין קלענער דעספּאָט
און איר אַלע געטער און טרייסטערס,
ס׳ליגט אייער יושר אין קרעמערישע טייסטערס.

פאַרוואָס האָסטו גאָט דעם מענטש פון בלאָטע געקנאָטן ?
דאָס שאַפן דעם טייוול איז דיר בעסער געגראָטן.
האָב איך אויבן צווישן שטערן אין זונען
אין אייערע הימלען קיין גן־עדן ניט געפונען.

בלייבט קעגן אייערן געטלעכן סך־הכל,
אַנצונדן פראָמאָטעאוסעס פאַרלאָשענעם פאַקל.

די גאָלדענע קייט

אויב „ייד״ גראַמט זיך מיט „ליד״.
ווען נישטאָ מער דאָס פאָלק,
איז טרויעריק, פאַריתומט געבליבן דאָס ליד.
אויב דער פונק פונעם ליד איז געבליבן,
אפשר אויפגיין אַ ניי פאָלק פון געזאַנג
און וועט איבער נייע קאַיאָרן,
אַוועק אויף זוניקן גאַנג.
און פלאַנצן אַ נייעם וויין־גאָרטן,
פון אַלטע ניגונים אַ נייעם אויפגאַנג.
פּראַלט זשע אויף אייערע טויערן פאַרן וווּנדער,
פאַרן ליד וואָס איז שטאַרקער פון רייד.
און זאָגט אָן פון פרייהייט די בשורה,
און שפּינט ווייטער די גאָלדענע קייט.

פאַרגיב מיר גאָט

אפשר דערפאַר ווערט מיין נשמה אויף שטיקער צעריסן,
ווייל כ׳האָב צו אַ האַרץ ניט געפונען דעם שליסל.
זוך איך דאָס גליק, ווי דעם נעכטיקן ווינט,
פאַרגיב מיר גאָט פאַר ניט־באַגאַנגענע זינד.

כ׳האָב אין אַ בריוו באַקומען ווייבלעכע קושן,
אַפילו די ליפּן ניט באַדאַרפט אָפּווישן.
כ׳קען אָפּצאָלן צוריק, בלויז מיט קושן פון טינט,
פאַרגיב זשע מיר גאָט פאַר ניט באַגאַנגענע זינד.

כ׳האָב מיט מיין געליבטע שטאַרק זיך צעקריגט,
גלייך איר אַ בוקעט בלומען געשיקט,
איר געשריבן אַ ליבע־בריוו מיט הייסע טינט,
פאַרגיב זשע מיר גאָט פאַר ניט־באַגאַנגענע זינד.

כ׳האָב מיין געליבטע אַ סך ליבע־ווערטער געשענקט.
נאָר זי האָט צו זיי גאָרניט געבענקט,
האָב איך איר געשאָנקען אַ לעבעדיק קינד,
פאַרגיב זשע מיר גאָט פאַר באַגאַנגענע זינד.

ס'האָט איר נאָמען...

ס'האָט איר נאָמען — אַ צעבליטע רויז,
געשמעקט מיט ערב־פרילינג ברויז,
געצונדן אַ הייס־צעגליטן פלאַם,
מיט דעמאַניש ווילדן טעם.
זי האָט מיין האַרץ מיט טרוים צעגליט.
הייס דאָס בלוט אין מיר צעשטיפּט.
געוועזן איר שמייכל לויטער שאַמפּאַן,
איר געלעכטער אַ שפּראָץ־פאָנטאַן.
אירע הייסע אויגן־פונקען,
גערופן ווייַן פון אירע ליפּן טרינקען.

ווער קען דען אַ האַרץ פאַרווערן,
צוריק אויפוועקן יענע צאַרטע־קלאַנגען,
פון יענע הייסע, טרויעריקע טרערן,
ווען מיר זענען אויף תמיד זיך צעגאַנגען?
פון גליקלעכע מינוטן געבליבן בלויז דער וויי,
אַ לעבן פון ליבע, אַוועק און פאַרביי.
ווער ווייסט וויפל ווייטיק אַ האַרץ קען אויסטראָגן?
כ'וועל דאָס סיי־ווי־סיי קיינעם ניט אויסזאָגן.

ליבע

איך טראַכט, רעד און הער,
און כ׳ווייס דאָס אַמבעסטן,
די בענקשאַפט פון אַ האַרץ,
מען קען, ווי דעם ים, ניט אויסמעסטן.

מען קען די ליבע ניט פאַרמיידן
כאָטש זי טראָגט פון גיהנום די ליידן,
עס קענען אַמאָרס פאַרסמטע פיילן,
מישן טרערן אויך מיט פריידן.

די ליבע אַזעלכע קלאַנגען ניט פאַרמאָגן,
מיט די קלוגסטע ווערטער ניט דערזאָגן
און ניט אָפּוועגן אויף טויזנט וואָגן, —
ווער קען דעם סוד פון ליבע אויסזאָגן?

זי רופט צו שפּאַנען מיט געזאַנג דורכן לעבן,
מיטן בליץ פון האַרץ אַ פייער־פאַרלאַנג.
זי קען חלום מיט שיינקייט פאַרוועבן,
אין הערצער צעפלאַמען אַ פריידיק געזאַנג.

אין כישוף־נעכט

אין כישוף־נעכט פֿון טיפֿע סודות
און פֿון בלויען שיין,
קום מײַן ליבע, קום געטרײַע,
קום צו מיר צוגיין

אין שטילע נעכט פֿון הייסער בענקשאַפֿט
און ניט־געשטילטן פּײַן,
קום מײַן ליבע, קום געטרײַע,
מיט מיר צוזאַמען זײַן.

קום מיט מיר צוזאַמען טרוימען,
ביזן מאָרגן־שײַן.
קום צו מיר, ווי אַ זיסער חלום,
אין מײַן האַרץ אַרײַן.

אַ צעברויזטער כ׳האָב געוואָגט,
צו קלאַפּן אין איר טיר.
ס׳האָט אַ האַרץ אַ פֿלאַמיק־פֿײַער,
געעפֿנט זיך פֿאַר מיר.

אויב איר האַרץ איז פֿאַר מיר אָפֿן,
פֿיבערט שוין מײַן גליק.
ס׳איז דער בליץ פֿון אירע אויגן,
אַ פֿלאַמיקע מוזיק.

אַ פּרויען־פּאָרטרעט

אויף אַ וואַנט הענגט אַ פּרויען־פּאָרטרעט,
מיט אויגן ווי אַ זונען־פּאַרגאַנג.
אַ גריכישע נאָז אויף אַ יידיש פּנים,
אַ ווייבלעכקייט, שטאָלץ און שלאַנג.

וואָס האָט מסתמא אַמאָל געברויזט און געפּלאַמט,
איר קערפּער צערייצט האָבן די חושים,
זי האָט הערצער מיט ליבע פאַרסמט,
מיט ליפּן געבוירן צום קושן.

צעשפּרייט אירע זעגלען פון ליבע,
מיטן פּאַרפירערישן רייץ פון איר לייב.
געצווילינגט אַ פרוי און אַ קינד,
מיטן אַראָמאַט פון אַ תאווהשן ווייב.

רייצנדן ווי די שייקייטס־געטין,
געצונדן זינדיקע באַגערן,
קאָקעטישן שמייכל, מיט סודות געמישט
פון אַ סך ליפּן געוואָרן געקושט.

ווי אַ שפּיגל פון אַ לעבעדיק בילד,
פון אַ געליבטע אָדער צעפּיעשטשעט ווייב,
אפשר אַן אַרטיסטקע שטענדיק צום שפּילן גרייט,
וואָס אַ סך מענער דעם קאָפּ האָט פאַרדרייט.

אַ לעבן געלאָקט מיט סודות און טעם,
ליגט ערגעץ אין אַ שטומען קבר איינגעפּאַסט,
נאָר איר פּאָרטרעט רייצט אַרויס פונעם גאָלדענעם רעם,
אַ שיינקייט וואָס מיט טויט איז פאַרקנסט.

צו דיר וועל איך קומען צוריק

געווידמעט די קעמפערס קעגן דער נאַצישער אַרמיי

ס'האָט די בענקשאַפט אונדז באַגלייט,
ווי צוויי בלומען אין שטורעם צעזייט,
ווי די זון אין דעם הימל פאַרגייט,
אַזוי בענק איך צו דיר פון דער ווייט.

ס'האָט דער גורל אונדז צעשיידט,
אין דער וועלט פון יסורים און לייד,
פאַר דער ליבע נישטאָ איז קיין ווייט,
טיף אין מיין האַרצן דו ווױנסט.

פינצטער די נאַכט,
אין די טראַנשייען וועגן דיר נאָר איך טראַכט,
די ליבע מיך מוטיקט אין שלאַכט,
קעגן דער פאַרשאָלטענער נאַצישער מאַכט.
אָ, ווי איך פיל —
ביסט מיין חלום מיט פלאַמען צעגליט,
דיין נשמה אַ פונק פון מיין גליק,
זי שוועבט ווי אַ זיסע מוזיק.

אָ, ווי איך בענק,
ווידער צו זיין נעבן דיר.
אָ, ווי איך וויל —
צעברעכן די וויטקייט, וואָס טיילט,
צו דיינע אויגן פון סאַמעט און זייד,
איך בענק אַזוי פון דער ווייט.
כאָטש אונדז צעטיילט,
אַ מהלך פון טויזנטער מייל,
פאַר דער ליבע אין שלאַכט וועל איך גיין,
צו דיר וועל איך קומען צוריק.
אָ, מיין גליק,
כ'וועל דורך שטורעמס און צעריסענע בריק,
נאָכן דערשטיקן די פאַשיסטישע שלאַנג,
צו דיר וועל איך קומען צוריק.
אָ, מיין גליק,
כ'וועל דורך פייער און בלוטיקע ערד,
כ'וועל דורך שריפות און פלאַמיקע שטעט,
צו דיר וועל איך קומען צוריק.

אַ לעבעדיקן מאָנומענט

ווי עס טראָגט דער וואָלקן אין זיין שויס דעם רעגן,
טראָגט יעדע פּרוכט אין זיך אַ קערן.
אין דער שפּראַך פון ליבע געשעט דער ווונדער,
פון הייסע קושן ווערן געבוירן קינדער.

אין צעברויזטע פריידן,
צונויפגעפלאָכטן זאַלבע־צווייט,
אין צוויי הערצער געקאָוועט אַ קייט,
האָט די ליבע איר קערן פאַרזייט.

אונטער דער חופּה פון טויזנט שטערן־פּראַכט,
אין הייסן ציטער פון פריידיקער נאַכט,
פיבערט די ליבע, אַ צאַרטע רויז
געצערטלט אויף אַ הייסער שויס.

ווער האָט דעם ווונדער געמאַכט,
אַ לעבן זאָל אויפגיין אין מוטער־טראַכט?
און יעדער זיווג אין איר אייגן געצעלט,
שטעלט דער ליבע — אַ לעבעדיקן מאָנומענט?

איך גיי אַרויס אַליין אויף די וועגן

(איבערגעזעצט פון לערמאָנטאָוו)

כ׳גיי אַרויס אַליין אויף די וועגן,
אין זילבער־נעפּל דער וועג איז איינגעהילט.
אַ שטילע נאַכט, ווי אַ געטלעכע תּפילה,
שטיל שושקען די שטערן צווישן זיך.
ס׳איז דער הימל וווּנדערלעך אָנגעצונדן,
ס׳שלאָפט די ערד און חלומט שוין פון לאַנג,
ווער האָט מיין האַרץ מיט טיפן פּיין פאַרווונדן?
אויף וואָס וואַרט איך דען, וואָס טוט מיר באַנג?

איך דערוואַרט פון לעבן שוין מער גאָרניט,
און ניט באַדויער וואָס איז שוין אַוועק.
נאָר די פרייהייט טו איך אַלץ באַגערן,
פאַרגעסן כ׳וויל פון אַלץ אין שלאָף און רו.

אָבער ניט קיין קבר־רואיקייט באַגער איך,
און אויב אַנטשלאָפן כ׳וועל אויף אייביק,
זאָל אין מיין האַרץ לעבנס־כּוחות וואַכן,
די ליבע זאָל באַגלייטן מיך אין שלאָף.

טעג און נעכט זאָל מיט אַ שטילן ניגון,
פון ליבע זינגען מיר אַ געזאַנג,
איבער מיין קבר זאָל רוישן און זיך וויגן,
זיין געשטאַלט אַ גרינער, ברייטער דעמב.

כ׳מוז מיין האַרץ פאַרשליסן

כ׳מוז מיין האַרץ אויף שלעסער פאַרשליסן,
וואָס ווערט פון אומעט אויף שטיקער צעריסן.
ווי געפינט מען אַ נשמה, אָן שמינקע, אָן גרים,
אַ פנים קיין מאַסקע, קיין פאַלשע שטים?
ווי איז די נשמה וואָס וועט,
יעדן פאַלשן שמייכל געבן אַ גט?

זוך איך אַ צעשמייכלטן פרילינג, מיט הייסן באַגער,
מיט גאָלדענער פרייד און זילבער טרער.
צו צעשפרייטן די פליגלען פון גרויסן פאַרלאַנג,
צו פליען צום מאָרגן — פון פריידיק געזאַנג.

בלאָנדזשע איך איבער פאַרנאַכטן און העלע באַגינען,
נאָר אומזיסט מיין זוכן, כ׳קען ניט געפינען.
וואָס ברענגען וועט דער מאָרגן, ווער ווייסט דען היינט?
עס האָט די זון פון גליק נאָך פאַר מיר ניט געשיינט.

אויב געגליכן צו אַ טייך איז דאָס לעבן,
צעבראָכן אויף איר איז מיין בריק,
וואָס שוין איינמאָל דערטרונקען,
קומט קיינמאָל מער ניט צוריק.
דערטרינק איך דעם אומעט אין אַ גלעזעלע וויין,
נאָר דער טייוול גיסט ביטערניש אין מיין האַרץ אַריין.

אַ ליפּע־בוים

שטייט מיט שטאָלץ אַ ליפּע־בוים,
אין מיטן האַרבסטיק־וועטער טריבן.
אין זיין איינזאַמקייט ער טרוימט,
פון אַ זומער־טאָג אַ ליבן.

איבער אים די וואָלקנס, ווי צעפּלאַמטע פּאַנען,
ווי צעשפּרייטע זעגלען איבער אַ צעברויזטן ים.
אין דעם פרילינג אים דערמאָנט
און וועקן ליבע אין בוימישן שטאַם.

אָט באַלד וועט דער פרילינג קומען צופליען,
וועסט ווידער מיט ליבשאַפט ברייט זיך צעבליען.
קומען וועלן וואַנדערער צו דיר פון ווייטן,
דו וועסט איבער זיי דיין שאָטן צעשפּרייטן.

שטייט דער ליפּע־בוים טיף אַ פאַרבענקטער,
פאַרטוליעט אין צווייגן אַרום און אַרום,
גרייט מיט ליבע די וועלט צו פאַרזיסן,
מיט איר פיינעם דופט־פּערפום.

פלמ״ח

עס וועלן דורך ודרות לעגענדעס זיך וועבן, —
אַ דור וואָס געשפּאַנט דורך שטורעמס פון לעבן,
מיט אומבויגזאַמען ווילן, באַהויכט מיט גבורה,
פון פרייהייט אַ וויזיע געטראָגן די בשורה.

אַ יוגנט וואָס מיט העלדישן מוט,
געשריבן געשיכטע מיט אייגענעם בלוט.
אין קאַמף אויסגעשמידט אַ גרויסע יצירה,
ביים פייער פון גלויבן געשטאַנען אויף שמירה.

פאַרן פאַלק פון וואָגל געבויט אַ שוועל און אַ דאַך,
ביים וויגל פון אויפגאַנג געשטאַנען אויף וואַך.
פאַרן דערמאָרדעטן פאָלק געעפנט די טויערן,
פון אַ היים וואָס פונדאַסניי איז געבוירן.
זיי האָבן די פרייהייט מיט גלויבן געשמידט,
געפלאָכטן זייערע שורות, ווי דאָס געזאַנג פון אַ ליד.

געוואָרן זיי זענען פאַרן פאָלק, דער נס,
פון האָפענונג און גלויבן אַ געטרייער אַדרעס,
באַלויכטן די וועגן ווי ליכטיקע שטערן,
כאָטש ניט איינעם באַוויינען מאַמישע טרערן.
זיי האָבן געשריבן אַ וווּנדער לעגענדע,
זיי די בחורים פון פלמ״ח!

פון אייזן־בעטאָנען

געווידמעט די בוי־אַרבעטער

דו גיסט הייזער פון אייזן־בעטאָנען,
געמישט צעמענט מיט שווייס פון דיין גוף,
פון בלאָקן און ציגל מיליאָנען,
דו מייסטער פון שווערן באַרוף.

מיט ריטם עס פידלען די זעגן,
אויף ברעטער אַהער און צוריק.
הער ווי עס האָט דאָס צעשפּילט זיך,
אַן אָרקעסטער פון האַמער־מוזיק.

דעם האַמער, זעג און די קעלניע,
ניט לאָז אַרויס פון די הענט.
דו ווישסט דעם שווייס פון דיין שטערן,
און באַשמירסט מיט ליים די ווענט.

מיט פּאַרקאַטשעטע אָרבל די מויערס,
זיי לייגן אַ בלאָק צו אַ בלאָק.
זע ווי עס הויבט זיך אַלץ העכער,
אויף וווּנדער אַ שטאָק נאָך אַ שטאָק.

אין הייסע חמסינען און רעגנס,
ווער אַרבעט אַזוי געטריי ווי דו? —
דו גיסט פון אייזן־בעטאָנען,
פאַרן פאָלק אַ היים און אַ רו.

דעם בנין פון ליכטיקן מאָרגן,
בויט קינדער פון אַלע נאַציאָנען,
דאָס לאַנד פון פרייהייט און יושר, —
אַ פעסטונג פון אייזן־בעטאָנען.

אַן האַרץ, אַן געוויסן

ווער פירט אייך אויף וועגן קרומע,
פון ליבע אויסגעליידיקט אייער נשמה?
אויף וועגן באַצירטע מיט בלומען פון בייז,
אייערע הערצער — קעלטער פון אייז.

אַ, קראַנקער, קורצזיכטיקער דור,
פון צעטומלטן גייסט און פאַרשאָלטענער וואָר,
ווי איז דיין שופר, ווי איז דיין פאָן?
וויסט און פאַרזשאַווערט דיין גייסטיקער טראָן.

האָסט קיין טראָפּן פרייד צעגליט.
קיין ליכט פון האָפענונג צעבליט.
דיין אייגענע פוסטקייט מיט סאַכאַרין פאַרזיסט,
דיין מוח צעטומלט, דיין האַרץ פאַרוויסט.

שווימסט צווישן אָנשטעל, עפעקטן און טומל,
דיין קמצנות פון גייסט שרייט אַזש צום הימל.
דיינע קאַפּיטאַנען אָן האַרץ, אָן געוויסן,
גרייט פאַר זייער מאַכט בלוט צו פאַרגיסן.

אײַלט זיך ברידער

באַלד שוין אויס מלחמות, דער שלום בליט דאָך שוין,
שלאָפט געשמאַק איר ברידער און שפּינט אײַער שײנעם טרוים.
מענטשן, ליבע ברידער, די װעלט איז װײַט פון שלום,
דאָס האָט אײַך געחלומט בלויז אַ שײנער חלום.

גרײט זיך מענטשן־ברידער צו אַ העלדישן טויט אַ שײנעם,
לויפט איר מענטשן־ברידער, װי מען שטאַרבט אין אײנעם.
דאָרט װי מען שאַרפט די שװערדן און האַרמאַטן קנאַלן,
אײַלט זיך גיכער ברידער אין הײליקן שלאַכט צו פאַלן.
הערט איר דען ניט ברידער די מלחמה־גלעקער?
דאָס רופט אײַך דאָס סדומישע כזב ושקר,
מיט שנאה די װעלט צו פאַרדאַרבן,
און פאַרן מיאוסן שװינדל, מיט אַ שײנעם טויט צו שטאַרבן.

די גאַסן־מויד

וואַנדערט די לבנה איבער דעכער,
אַ סודותדיק פּנים דערשראָקן און בלאַס.
אין חושך שאַרט זיך אַן עלנט געשטאַלט,
איבער דער האַלב־פאַרשלאָפענער גאַס.

איבער פאַרחלומטע, דרעמלענדע הייזער,
די שטילקייט אירע פליגלען צעשפּרייט.
עס שלאָפן שוין אַלע באַגערן,
מיט ראָזע חלומות באַגלייט.

אונטער לאָדנס פאַרמאַכטע,
ווערט די ליבע האַרציק געגלעט,
געקושט און געפּיעשטשעט פון טרוים,
פאַרוויגט פונעם חלום אין וואַרעמען בעט.

נאָר די גאַסן־מויד פיבערט פון האַס און פון קעלט,
וועמען זוכט זי אין חושך און וועמען זי שעלט?
אפשר די פּיין פון פאַרשאָלטענעם ברויט —
עס רויבערט אַ ציגאַרל די זינדיקע מויד.

ווער איילט זיך אין חושך זינד ביי איר קויפן,
דערנאָך, ווי פון אַ פאַרשאָלטענע גיך צו אַנטלויפן.
בלייבט די גאַסן־מויד, ניט קיין גרויסע שיינקייט,
זי פיבערט, אין דער נאַכט, אין עלנטער אַליינקייט.

לאָס וועגאַס

אין מיטן מדבר, האָטעלן מיט קאַזינאָס,
אַ קעניגרייך פון שווינדל און באַטראָג.
דאָ שפּאַנט דער גורל דער בלינדער,
אין אַ שוואַרצן ראָק און צילינדער,
גלאַנציקע אויגן און לאַנגע פינגער,
גייציק נאָך מאַנעטן־קלאַנג.
הוזשען און זשומען ווי בינען,
מיט דאָלאַרן די מזל־מאַשינען.
מיטן עקסטאַז פון צעברויזטן האַזאַרד,
דרייען זיך פּאָרלעך פלינק און געשיקט.
אין גורל־טאַנץ און טונקעלן זאַל,
רוישט און ברילט די דזשאַז־מוזיק,
די פינגער מיט תאווה צו די מזל־מאַשינען,
צו שפּיל־קאַסטנס און שלאַגערס פון פּאָפּ.
דאָס ריטשען פאַרטשאַדעט דעם קאָפּ,

אין טומל דעם פאַרבלענדטן,
די פאַרשיכורטע גורל־קליענטן,
צווישן פיבער פון דאָלאַרן־אידעאַל,
געררויבט געזעצלעך, לעגאַל,
טרערן געמישט מיט שאַמפּאַן,
ס׳שאַרט דאָלאַרן אין טייסטער — דער שאַרלאַטאַן.

נאָר דאָס מזל טויב און בלינד,
וואַרפט צו אַ ביינדל, ווי פאַר אַ הונט.
ווי, ס׳באָדט זיך געלט אין ים פון זינד,
נאָר דעם פאַרשפּילטן וויי־און ווינד.
וואָס האָט זיין מזל פאַרלוירן,
דאָס אויסגעבענקטע געווינס צום באַדויערן,
פאַרשפּילט אין פיבערישע קאָנפוזיע,
דעם לעצטן דאָלער און לעצטע אילוזיע.

מיטן נביא׳ס מויל

אַ פלאַקער איז אַרויס פון מיין מויל,
אַ פלאַם אין אייך אָנצוצינדן.
אַרום טאַנצנדיקן אַנגס,
אין דעם אימפּעט פון פאַרגיין, —
אין לעבן בייסט זיך איין מיט די ציין!
כ׳ווויל די גאווה אין אייך פאַרווונדן!
אייערע פאַרשימלטע געדאַנקען,
פון פאַרשטויבטע נעצן אַרויסרייסן.
איר זאָלט דער גערעכטיקייט שטעלן אַ טויער!
איך קום צו אייך מיט פייער פון צאָרן,
אויף דער ערד, וואָס פאַרשוועכט איז געוואָרן.
האַלט אָפּ אין מיטן לויף דעם ווינט!
דאָס שלעכטס איז דאָס מיסט פון דער ערד,
דאָס גוטס פון דער ערד שפּראָצט אַרויס.
מיט פרייד שפּאַן אויף דיין וועג,
ווייל קנאַפּ אויף דער ערד דיינע טעג.
פון רשעים־הענט זיי מציל.
אַ קללה וואַרף אויף דעם אויבערשטן שטאַנד,
דאָס בלוטיקע געזינדל באַדעק מיט שאַנד!
האָט געזאָגט גאָט מיטן נביא׳ס מויל.

מיט רויך פון דינאַמיט

אויף די וועגן פאַרגאָסענע, בלוטיקע רויטע,
צווישן קערפּערס צעריסענע, טויזנטער טויטע,
אָטעמסט מענטש מיטן רויך פון דינאַמיט,
צווישן געטער דורשטיקע נאָך בלוט,
וואָס רופן דיך צו שאַרפן דיין שווערד,
אין אַ פרעכן גיהנום צו פאַרוואַנדלען די ערד.
און דו, צווישן לעבן און טויט קלויב אויס
און ביז צו די הימלען שריי אויס: —
פאַרשטומט איר מיילער פון האַרמאַטן!
טויט, לייג אַוועק דיין קאָסע,
הער אויף דיין בלוטיקן שניט!
קעגן אַלץ וואָס די וועלט מיט שינאה פאַרפעסט,
שריי אויס דיין מעכטיקן פּראָטעסט!

פון צער און צארן

יידיש

ביסט יידיש געטראָגן אויף באַגנעטן,
דערשטאָכן אין אכזריותדיקן גרויל,
דורך דייטשע באַרבאַרן, אוקראַינער און לעטן,
געבליבן שטום אין פאַרגליווערטן מויל.

שפּראַך פון האַרעפּאַשנעם פאָלק געטרייען,
פון וועבער און שניידער־יונגען;
בלייבע מיידלעך ביי זינגער־מאַשינען,
האָבן ליבע־לידער אין יידיש געזונגען.

האָט דאָס היימישע לשון בנעימות,
מיט איר פּשוטקייט דאָס האַרץ דערפרייט
און האָט איר געניאָד און נחמה,
איבער צענדליקע לענדער צעשפּרייט.

ביסט אַוועק מיט מאַרטירער אויף תּליה,
מיט פּאַרטיזאַנער איבער וועלדער צעזייט.
די קדושים אויף זייער לעצטן וועג, —
צו דער עקידה דיין פאָלק האָסט באַגלייט.

דאָך ביסט יידיש נאָך ניט געשטאָרבן,
ווער וואָגט נאָך דיר קדיש צו זאָגן?
ווי אַ נס וועסט ווידער אויפשטאָגן,
אַ בשורה פון אַ נייעם פרילינג אָנזאָגן.

שבת־ליכט

דער שליטן געטראָגן איבער אַ שנייאיקן וועג,
גליטשט זיך ווי אַ חלום איבער נעכטיקע טעג.
מיט זשאַווער אין האַרצן, צעפּרעסן פון פּיין,
דער צער שלינגט איין די זון אין טרויעריקן פאַרגיין.
אייל זשע זיך פערדל, וועסט חלילה מחלל שבת זיין,
טראָג מיך וואָס גיכער אין מיין שטעטל אַריין.
דאָרט וואַרט אויף מיר דער שבת באַלויכטן מיט חן,
אויף אַ ווייס־קלאָרן טישטעך איבערן טיש צעשפּרייט,
ברענען שבת־ליכט, דער קידוש־בעכער פינקלט מיט וויין.
די געשמאַקע חלות און געפילטע פיש,
און די גאַנצע משפּחה אויסגעזעצט אַרום טיש.
ביי גאָלדעלען מיין כלה זענען די בעקלעך צעפלאַמט.
זי זיצט אַ פאַרבענקטע, ווי דער שיר השירים באַטעמט.

דו קלאַטשע פּגירה, האָסט פאַרבלאָנדזשעט פון וועג!
ביסט מיטן דישעל פאַרפאָרן אין די געשאָכטענע טעג,
ביסט פערדל אין שנייען פאַרזינקטע,
פאַרפאָרן ביז אוישוויץ — טרעבלינקע.
ווי געהוליעט האָט די וויוגע פון דער שוואַרצער מאַכט,
דעם שבת פאַרלאָשן האָט אַ פינצטערע נאַכט.
דער חלום ווי דער שניי איז צערונען,
כ'וועל צו מיין שבת מער קיינמאָל ניט קומען.
דאָס פערדל מיד, שלעפּט קוים די פיס,
דער וועג באַדעקט מיט פּיין און פאַרוויסט.
דאָס שטעטל געשאָכטן, מיין גאָלדעלע טויט,
איבער די שבת־ליכט דער בלוטיקער חלף איז רויט.

כ'בענק אַלץ צום חלום וואָס אין חושך פאַרשוווּנדן,
ווען שטערן, ווי די שבת־ליכט, אויפן הימל אָנגעצונדן,
אין די טויערן פון מיין דמיון לעבט דער נעכטן און זיי אַלע,
דאָס היימישע שטעטל און מיין טייערע כלה.
גליטשט זיך דער שליטן איבער מיין פאַרפייניקטן זכרון,
איבער אַ וועלט אַ באַגראָבענע אין אַ שוואַרצן שוין ארון.

ניטאָ מער

ניטאָ מער מײַן אָרעם, מײַן האַרציק שטעטל,
מיט קרעמלעך פון שפּינוועבס און תורה.
פון הילצערנע הײַזלעך מיט שינדל־דעכער,
פּרנסה יידן פון „אויב ניט נאָך העכער".
געשפּראָצט האָט אַ יוגנט, ווי פרילינג־געזאַנגען,
מיט גליענדיקן שטרעבן, ליכטיקע פאַרלאַנגען.
באַשטראַלט מיט ערלעך געצונדענע אויגן,
מיט משיחישע חלומות באַלויכטן.

צווישן קינדישן פרייד און מיידלישן פּראַכט,
האָט גאָלדעלעס חן געשטראַלט און געלאַכט.
ס׳האָט גאָלדעלע שטאַרק ליב געהאַט בלומען,
און געגלויבט אַז אַ שיינע וועלט וועט קומען.
געקומען זענען אָבער מונדירטע האָרדעס,
וואַנדאַלישע חיות מיט אַריער־מאָרדעס,
און איבער שטאָלענע רעלסן פון האַס,
געטריבן די יידן צו אויוונס פון גאַז.
נאָך דעם גזר־דין דעם האַרבן,
ניט געבליבן קיין ייד אַפילו צום שטאַרבן,
נאָר עלנטע הײַזלעך, פאַראַבלטע ווענט,
פאַרשעמטע קברים, פאַרבלוטיקט, געשענדט.
ציטערט פון ווייטיק יעדער מײַן אבר,
פון גאָלדעלען ניט געבליבן אַפילו קיין קבר.
ווי קען מען אָפענע ווונדן פאַרהיילן,
ווען מען פאַרלירט אַזאַ ליכטיקן גן־עדן ?
ווי קען מען געפינען טרייסט און נחמה,
נאָך אַזאַ הייליקע, גאָלדענע נשמה ?
ברענען יאָרצייט־ליכטלעך מיט טרערן,
כ׳האָב אין מײַן האַרץ־געצעלט, —
גאָלדעלען אַ הייליקע מצבה געשטעלט.

געווען אַמאָל אַ יום־טוב אין מיין גאָרטן

געווען אַמאָל אַ יום־טוב אין מיין גאָרטן,
באַצירט מיט פרילינגס זוניקן גאָלד,
מיט זאַפטיקע פרוכט אַלע סאָרטן,
וואָס נאָר אַ דורשטיק האַרץ האָט האָלד.

געבליבט האָט יעדער בוים,
מיט זיסע פרוכט באַהאָנגען,
אין קאַרשן־צייט און עפּל־פרייד,
מיט ליבע ברייט באַשאָנקען.

די פאַרליבטע ביימער די צווייגן צעלייגט,
ווי אַמאָרס פיילן מיט ליבע פאַרצווייגט,
די פייגל, די ביימערס ליבסטע געסט,
געקושט זיך דאָרט אין יעדער נעסט.

הייַנט דער גאָרטן האַרבסטיק צייטיק,
אין טרויער־קלייד, מיט גרויסן ווייטיק.
עס ציטערן די געשאָכטענע צווייגן, —
זיי מאָנען אין גרויזאַמען שווייגן.

אַזוי צו זאָגן...

יעדן פרייטיק האָט דעם רבינס טאָכטער רחלה אין חדר,
צעפלאָכטן אירע לאַנגע צעפּ און זיי געצוואָגן.
דער רבי האָט געלערנט די חדר־יונגלעך פון חומש —
— אמר ה׳ לאמר, אַזוי צו זאָגן...
אין חומש האָט יעקב געטראָפן רחלען ביים ברונעם,
געדינט האָט ער לבנען זיבן יאָר, זי צו באַקומען.
כ׳שעם זיך אייך צו זאָגן,
אַז כ׳האָב דעם רבינס טאָכטער ליב געקראָגן.
געוואָרפן איר הייסע בליקן
און פאַרגעסן אין חומש אַריינצוקוקן.
כ׳האָב דעם חומש שוין לאַנג פאַרגעסן,
נאָר צו רחלען מיט אירע לאַנגע האָר,
געדינט האָט מיין בענקשאַפט אַ סך לאַנגע יאָר.

אַ בענקעניש געפלאָכטן פון פינצטערן גרויל,
ווערטער ניט־דערזאָגטע, דערשטיקטע אינעם מויל,
לעבנס ניט־דערענדיקטע — וווּ זענען זיי?
האָפענונגען פאַרלאָשענע אין רויכיקן וויי.
דערשטיקטע מיטן ריטשען — הייל זיג!
מיטן לעצטן שמייכל פון אַ קינדישן וויג.

אמר ה׳ לאמר, אַזוי צו זאָגן...
ס׳האָט אַ בלוטיקער מבול די וועלט אָפּגעצוואָגן,
געבליבן די בענקשאַפט, פאַראייניזאַמט אַליין,
צווישן פאַרטריקנטע טרערן פון מיליאָנען־געוויין.

וויי צו דעם האַרץ, וואָס אין אָבל געבליבן,
וויי צו די ווערטער מיט טרערן געשריבן.

פוילן פון שינאה און קברים

עס ווייגען ווערבעס, בעריאָזעס,
דער ווינט פון האַרבסט דער גרויער,
מיט צער אויף פאַרבלוטיקטע סטרונעס,
שפּילט שאָפּענס מאַרש פון טרויער.
פוילן פון שינאה און קברים
פוילן פון שינאה און קברים

ס'זאָגט קדיש די בלייכע לבנה,
איבער עלנטע קברים.
מיט אַן „אל מלא רחמים"
איבער אַ באַגראָבענעם חלום.
פוילן פון שינאה און קברים
פוילן פון שינאה און קברים

קברים, אָ, איר קברים!
פאַרזינקען אין טיפן אָבל,
מיט רויך אַוועק אַ לעגענדע,
אָפּגעשוואָנקען דורך אַ בלוטיקן מבול.
פוילן פון שינאה און קברים
פוילן פון שינאה און קברים

ס'האָבן רוצחישע קאַנוואָיען,
דערשטיקט אַ קינדיש געוויין,
עס וויגט זיך אַ מת אויף אַ תליה,
אונטער אַ זונען־פאַרגיין.
פוילן פון שינאה און קברים
פוילן פון שינאה און קברים

אויף די גרינע ביימעלער,
זיצן שבעה קלייניקע פייגעלער,
נאָך די משהלער, שלומהלער,
מיט כשרע יידישע אייגעלער.
פוילן פון שינאה און קברים
פוילן פון שינאה און קברים

איבער אַ געשענדעטן חלום,
וויינט דער האַרבסט, דער גרויער,
איבערן הייליקן אַש פון אוישוויץ,
מיט שאָפּענס מאַרש פון טרויער.
פוילן פון שינאה און קברים
פוילן פון שינאה און קברים

מילע־גאַס

מילע מיין עלנטע און דערמאָרדעטע גאַס,
געבאָדן אין בלוט איז דיין יעדער שטיין.
עס רופן מיך דיינע פאַרלאָשענע אמונות,
צו קומען צו דיר אויף קבר־אָבות.

אַ ליבע גאַס פון מיינע היימישע הייף,
וואָס האָט מען יוגנט באַקראַנצט מיט פריידן,
כ׳וועל דיך ווי מיין אַלטן חלום,
אויף קיין אַנדערן ניט פאַרבייטן.

צי וועל איך ערגעץ אַזאַ היימישקייט געפינען,
ווי כלה־מיידלעך האָבן זייערע חלומות געשפּינען,
ווייבער און זקנים מיט אַ פרומער תפילה,
געבעטן משיח וואָס גיכער זאָל קומען.

אין דיינע אָרעמע הייף האָבן קינדישע חלומות געבליט,
אין חדרים און שולן געלערנט און געשטיפט.
צווישן פריידיקן טומל און טרויעריקן שווייגן,
געפלאַמט האָט דיין ליבע היימיש און אייגן.

היינט ביסטו מילע אַ געשאָכטענער חלום,
אָפּגעווישט דורך אַ בלוטיקן מבול.
נאָר פון דיינע חורבות און קברים שטילע,
שרייט דיין בלוט צו די הימלען — מילע.

שוואַרצע נאַכט

שוואַרצע נאַכט לאָז מיך שלאָפן!
שוידער מיך ניט אינעם בעט.
טראָג ניט אָן אויף מיין נשמה,
קיין שוואַרצן אומעט און קיין שרעק.
ס׳איז די ערד געװנוג באַדעקט
מיט מערדער, שאַרלאַטאַנעס,
וואָס שפּאַנען אויף קרומע וועגן,
שוואַרצע, ווי די נאַכט־מחשבות,
ליגנערישע, פינצטערע נשמות.

אַ שוואַרצע נאַכט,
פאַרטרייב די נאַכט־מחשבות,
וואָס באַפאַלן מיך ווי בייזע הינט.
טרערן פליסן פון ווולקאַנען,
לאַווּעס בענקשאַפט אָן אַ שיעור.
עס פייניקן ניט־געשטילטע צערן,
אַ שוואַרצער פּרילינג נאָך בלוט אַ זשעדנער.
עס רודפן פאַרבלוטיקטע קאָשמאַרן,
פון לאַנגע מעסערס און בלאַנקע שווערדן.
אַ חלום אַ דערשטיקטער,
פינצטערט אונטער פאַרלאָשענע לאַמטערן.
שוואַרצע האָר און בלויע אויגן,
דערטרונקען אין אַ טייך פון טרערן.

אָ לאָז פון רשעות מיך אַנטלויפן!
מיט בלינדער שוואַרצקייט אַנגעזויפן.
אין דעם האַרץ מיין אָרעם,
פאַרלעש דעם צעפלאַמטן שטורעם.

די מוטער שרהס געוויין

אויף דעם ווייטן וואָגל עס האָט געחלומט מיר כסדר,
כ'לערן חומש, אויף טוואָרדע־גאַס אין חדר.
כ'זע, אין קאַלטעווינטער־נעכט, מיט אויגן מידע,
מען פירט יצחקן קיין אוישוויץ צו עקידה.
ווו איז דער מלאך, וואָס זאָל דאָס מעסער אַרויסרייסן,
פון די מערדערס הענט, פון מינכען און פרייסן ?

איבער פוילישע הימלען געוויינט האָבן די שטערן,
דאָס זענען אפשר דער מוטער שרהס טרערן ?
„אַ גאָט פאַרוואָס האָסטו אָנגעשיקט אַזאַ חורבן,
מיינע אומגליקלעכע קינדער געמאַכט פאַר אַ קרבן !
וואָס אויף פרעמדע ערד, פון שנאה פאַרדאַרבן,
געלעבט אין שוידער, טויזנט מאָל געשטאָרבן,
ניט געבליבן אַפילו ווער ס'זאָל זיי באַוויינען.״
אַזוי טוט די מוטער שרה, מיט טרערן זיך אויסטענהען.
וויינט די מוטער שרה, עס וויינט מיט דער ווינט,
ווייל עס וויינט מער, אין אַ וויגל, קיין יידיש קינד.
אויפן ווייטן וואָגל עס חלומט זיך מיר כסדר,
איך לערן חומש, אויף טוואָרדע־גאַס אין חדר.

אויך איך בין אין טרעבלינקע ניט געווען

פון דאָרט ווי דער אשמדאי, דער שטן המשחית,
האָט געבאָדן זיין רשעות אין טייכן פון בלוט,
ווי די פינצטערע ברוינע נאַציע,
האָט געבוירן אַ נייע, אוישוויץ־ציוויליזאַציע;
פון יענעם גיהנום ווי „אַרבעט מאַכט פריי",
צו מיר איז דערגאַנגען דער גרויליקער וויי.
אויך איך בין אין טרעבלינקע ניט געווען,
דאָך אין קאַזאַכסטאַן, ווי מיט אייגענע אויגן געזען,
די בלוטיקע אַרבעט פון די וואַנדאַלישע האָרדעס,
די ציוויליזירטע באַרבאַרן מיט אַריער־מאָרדעס,
אין שטאָלענע העלמען די ראַסע הויטשינדער —
כ'געהערט דאָס געשריי פון געשאָכטענע קינדער.
געהערט פון דער ווייטנס דעם גרויליקן געוויין,
ווי מען רייסט מיט צוואַנגען פון מיילער די ציין.
מיט די אומגליקלעכע געשפּאַנט אויפן לעצטן וועג,
אין די פינצטערע מינוטן פון פאַרלאָשענע טעג.
ווען הימל און ערד האָט פרעך געשוויגן,
האָט דאָס פאַרגאָסענע בלוט אין מיין האַרצן געשריגן.
די בערגער פון שיך, האָר און צעפּ,
האָבן צעריסן מיין האַרץ אין קאַזאַכישן סטעפּ.

וואַרשע

כ׳בין אַנטלאָפן פון דיר וואַרשע,
ווען אין פלאַקער־פלאַם און פייער־רויט,
צווישן ברענענדע הייזער, פאַלנדע ווענט,
געוויינט האָט די ווייסל אויף חורבן און טויט.

אַרויס פון צעשריפּהטע שייטערס,
געלאָזט דיך אין פייער־בראַנד,
מיט אַ פאַרווונדיקטע נשמה אַנטלאָפן וואָס ווייטער, —
אויף די פּלייצעס אַ רוק־זאַק אין האַרצן די שאַנד.

ביסט געבליבן פאַרגאָסן מיט צער,
די קראָען געקלאָגט אויף דיינע דעבער,
די פלאַמען געריסן זייער צינגער־רויט,
פון ברוינעם וויכער פאַרמשפּט צום טויט.

ביסט געבליבן צעריסן, געשענדט,
מיין חלום, מיין היים איז פאַרברענט.
מיינע שענסטע באַגערן אין דיינע חורבות פאַרזונקען,
מיינע טרוימען אין דיינע פלאַמען פאַרזונקען.

און איך אַנטלאָפן פון רוצחישע הענט,
געזען פון דער ווייטן מיין געבוירן־שטאָט ברענט.
ווי איז דאָס האַרץ פון דער וועלט, מיט איר מלא רחמים? —
כ׳שפּאַן־אַוועק איבער פרעמדקייט, עלנט, אַנאַנים.

די זון האָט פאַר חרפּה...

די זון האָט, פאַר חרפּה, מיט אַ וואָלקן זיך פאַרשטעלט,
ס'האָט אַפילו דער טייוול גאָטס-וועלט ניט דערקענט.
אַ האַרמאַטן־אָרקעסטער ווילד זיך צעשפּילט,
דעם הימל, ווי דעם גיהנום, צעגליט.
דעם וואַלד אַרומגעכאַפּט פייער־צונגען,
מיט גרויס אַפּעטיט אים איינגעשלונגען.
אַ שטעטל וואַרפט איר לעבן אין פייער־פלאַמען,
פאַרברענט איר נעכטן, מיט חלומות צוזאַמען.
גראַנאַטן זיך טראָגן מיט רעש און מיט קללה,
צעשוידערט די ערד מיט פּחד און בהלה.

הייזער און גאַסן פון שריפות פאַרברענט,
די וועלט איז פון טייוול געוואָרן געשענדט.
גראַנאַטן מיט רעש זיך צעשפּליטערט,
די הערצער פון זעלנער צעשוידערט, פאַרציטערט.
איבער חורבות פון לעבן גיסט פייער מיט רויך,
אַ מענטש אויסגעצויגן מיט אַ צעריסענעם בויך.
פאַרשטומט דאָס קי־מעקען, הענער־קרייען,
פון לעבן דער לעצטער גרוס.
געבליבן פון אַ נעכטן בלויז אַ קופּע־מיסט.

אָ, איר זשעדנע נאָך בלוט, פאַרשאָלטענע קריגער,
אויף די קברים פון אייערע ברודער,
באַוויינען מאַמעס זייערע זין אָן לשון,
אַ טרייסט, וואָס אויף אייביק געוואָרן פאַרלאָשן.

קדיש

פאַר די געפאַלענע אין באַפרייאונגס־קריג

געשפּאַנט דורכן לעבן מיט ווילן און קראַפט,
דעם טויט ביסטו רואיק געגאַנגען אַנטקעגן.
ווי אַ העלד ביסט געפאַלן,
געענדיקט זיך אַ שטורמיש לעבן.
זאָל זשע ניט פאַרגעסן ווערן דיין מוט,
און ניט אומזיסט זאָל פאַרגאָסן זיין דיין בלוט.
כאָטש דו ביסט שוין מער ניטאָ,
דאָך זאָל פאַרווירקלעכט זיין דיין שטרעבן,
אַלץ וואָס געחלומט און באַגערט,
זאָל דאָך מקוים ווערן.
אָט דאָס זאָל זיין דער טרייסט.
יתגדל ויתקדש זאָל זיין דיין גייסט.

פליטים

אַרויס פון קרעמאַטאָריומס,
מיט צער און ווייטיק באַגלייט.
טראָגסטו אַלע נע ונדן, —
איבער פרעמדקייט מיט שנאה פאַרשפּרייט.
פיינען און שטורעמס אַנטקעגן,
שפּאַנסט פאָלק פון אַלטע ספרים.
איבער בלוט־באַנעצטע וועגן,
פאַרזייט מיט דיינע קברים.

טראָגסט דיינע גלויבנס און תורה׳ס,
פון משהן, איינשטיין און שפינאָזע —
צעשטויבטע רעשטלעך פון דערמאָרדעטן פאָלק,
אויף וואַנדער־וועגן היימלאָזע.

געטריבן פון שנאה־פלאַמען,
איבער פרעמדקייט, איבער האַס,
איבער קאָנטינענטן, צעשטורעמטע ימען, —
פלאַנעטן אָן וויזע, פליטים אָן אַ פּאַס.

פון טויזנטער גאָרגלען

פון טויזנטער גאָרגלען שפּייען האַרמאַטן מיט פייער,
דונערן און רעווען.
אויפן האָריזאָנט פון הימל ברענט דער גיהנום
און די ערד ציטערט פון פּחד און בושה.
אָ, ווער האָט דעם הימל צעבייזערט
און די ערד צעריסן אויף טויזנטער שטיקער?
ווי אַ גייסט אַ בייזער,
פון טויזנטער שריפות אַ מעבטיקער פלאַם,
פאַרברענט היימען און הייזער.

אָט גייט דאָרט אַ מחנה געשטיוולטע רייען,
זיך וואַרפן אין גיהנום מיט הוראַ־געשרייען.
איבער דער ערד פון קרעץ און געשווירן,
זעלנערשע שטיוול אָן אויפהער מאַרשירן.
דורשטיק, פון מאָרד ניט זאַט.
ס׳גיט די וואָלגאַ זיי צו טרינקען,
בלוט הינטער סטאַלינגראַד.

און איר, זעט איר דען ניט,
ווי דער מלאך המוות שפּאַנט מיט צאָרן?
פון שינאה טויב און בלינד,
אַלץ וואָס אָטעמט אין בלוט דערטרינקט.
און איר קערפּערס צעמזיקטע,
צו וואָס אייער קרעבצן, וויינען?
די זון וועט סיי ווי סיי פאַר אייך
קיינמאָל מער ניט שיינען.
איר פון טויט געטראָפן,
איר האָט שוין מער ניט וואָס צו האָפן.

בלויז איין שטיוול

אַ זעלנער אין דער טראַנזשעע איינגעקנאַטן,
אַרום האָט מיט פּייער געפּלאַקערט.
און חלום פון ווייב און קינד,
די בענקשאַפט זיין האַרץ צעאַקערט.

פון הימל האָט געגאָסן פייער און בליי,
די וועלט אַרום האָט געברענט,
מיט אַ קרעכץ זיך לעבנס אָפּגעזעגנט,
פון אַ דאָרף געבליבן בלויז צעריסענע ווענט.

אַ גראַנאַט האָט מיט אַ קראַך אויפגעריסן,
דעם זעלנערס לייב מיט שוידער באַגאָסן.
אין האַרץ האָט אַ סטרונע געפּלאַצט,
אין מוח אַ ליכט זיך פאַרלאָשן.

אויפגעכאַפּט זיך ערגעץ אין אַ ווייטן שפּיטאָל,
ווייסע מלאכימלעך צו אים געשמייכלט זיס.
אָבער געוועזן ביים בעטל בלויז איין שטיוול,
וווּהין איז אַוועק זיין צווייטער פוס?

אין ים פון בלוט

איר לעצטע יידן פון רוסלאַנד, פוילן און ליטע,
גענוג געוועזן אַן עם נבחר צו שחיטה!
אין ים פון בלוט ווערט ניט דערטרינקען,
פון פייער־צינגען ניט פאַרשלונגען.
פון פייער־מגילה צום לעבן געוועקט.
מיט צאָרן און האַס אייערע מערדערס באַדעקט;
זייער לאַנד אָן ווייץ אָן קאָרן,
זייער יעדער בוים זאָל ווערן אַ דאָרן.
שפוך המתך!
גאָט, גיס אויס אויף זיי דיין צאָרן!

און דו מיין פאָלק אַרויס פון די קברים!
כאָטש גרויס דיין אומגליק, די וווּנדן ניט פאַרהיילט,
דאָך שטיי אויף צום לעבן, די העכסטע שוין צייט!
פאַרבינד די וווּנדן, פאַרהייל דעם צער,
פאַרטרייב אויף אייביק פון גורל דעם גזר.
מעגן דראָען די שונאים און קריצן מיט די ציין,
בלייב פריי מיין פאָלק אין דיין אייגענער היים!

נאָך צו־פּרי יום־טובים צו פּראַוועו

נאָך צופרי יום־טובים צו פּראַוועו,
די וועלט נאָך ניט פון פיינען דערהויבן,
שוואַרצע וואָלקנס פאַרשטעלן נאָך דעם רעגנבויגן.
די פינצטערנישן פון פיין־טונעלן,
פאַרצוימען די וועגן צו ליכטיקע קוועלן.
די ירושה פון שוואַרצן היטלער־פּלאָג,
פאַרשוועכט די העלקייט פון זוניקן טאָג.
ס׳איז אַלץ נאָך די וואָר אַ גרויסער מתים־טאָל,
די געלע לאַטע, אַ חורבן־נאַכט־סימבאָל.
די שוואַרצע וואָלקנס נאָך אַלץ ניט צערונען,
קיין טרייסט פון ערגעץ נאָך ניט געקומען.
קריצן מיר נאָך אַלץ מיט די ציינער,
ווייל ניט פאַרשוואונדן דער געשפּענסט,
פון אַש און פון ביינער.
וועלן ניט העלפן קיין קרעכצן, קיין טרערן,
קאַלטע אויערן וועלן אונדזער וויי ניט דערהערן.
זאָלן זשע די צינגער ביי אונדז ברענען,
מיר זאָלן נאָך העכער און שטאַרקער קענען,
אויסשרייען דעם גרויסן וויי פון דעם גיהנום.
זאָלן ווערטער, ווי אָפענע וואונדן,
מיט צער און צאָרן זיין אָנגעצונדן.
זאָלן די אַלטע וואונדן כסדר דיך פרעסן,
די גרויליקע קאָשמאַרן זאָלסטו ניט פאַרגעסן,
און לאָז ניט פאַרהיילן אין דיין זכרון,
דעם גרויסן בראָך פון יענע שוואַרצע יאָרן.
ווי מעג מען זינגען פון בלומען און רויזן,
ווען נשמות פון גרויסן צער נאָך ברויזן ?
ווייל מיר קענען נאָך ניט געפינען קיין שלווה און רו,
איז פּראַוועו יום־טובים נאָך אַביסל צו־פרי.

פון זעלבן מחבר:

איבער צעבראָכענע בריקן (ראָמאַן) 1966

ווי אַ זעגל אין שטורעם (ראָמאַן) 1972

אויף די פראָנטן פון לעבן (ראָמאַן) 1981

פלאַמען (לידער) 1983

אינהאַלט

מעדיטאַציעס אין פּעריז

צי וואָס דאַווענען מיט אַ מנין ?
דיכטונג
מיינע ווינטמילן
עס שוועבן...
מיר שרייען — לא תרצח !
מיט רויך און פלאַמען
דוד עדלשטאַדט
אויף מיין קבר־שטיין
אַ שאָד
אויך אַ טרייסט
אָדלערס־בוסטאַרן
שולמית
אַן אַנדער פּאַריז
***
ווער ביסטו מענטש ?
דער מזרח רופט
אַ תפילה
עס ווילט זיך נאָך ניט
נשמות ווי ליכטלעך אָן קנויטן
תל אביב
כ'האָס אַלע געטער
דער טייוול אַ פילאָזאָף
ס'פיבערט אַ חלום אין נאַכט
כ'האָב ליב די וועלט
אַן איינטריטס־קאַרטע
אַזוי האָט געזאָגט לוזיסטראַטע
סדומישע מאָראַל
וועלט־באַשינדלערס
פריי איז מיין פאָלק
גליל
פאַרהייליק ניט
ירדן
איבער ימיקע שוימען
פאַרוואָס ?
די גאָלדענע קייט
פאַרגיב מיר גאָט
ס'האָט איר נאָמען
ליבע
אין כישוף־נעכט
אַ פרויען־פּאָרטרעט
צו דיר וועל איך קומען צוריק
אַ לעבעדיקן מאָנומענט
איך גיי אַרויס אַליין אויף די וועגן
כ'מוז מיין האַרץ פאַרשליסן
אַ ליפּע־בוים
פלמ"ח
פון אייזן־בעטאָנען
אָן האַרץ, אָן געוויסן
איילט זיך ברידער
די גאַסן־מויד
לאָס וועגאָס
מיטן נביא'ס מויל
מיט רויך און דינאַמיט

פון צער און צאָרן

יידיש
שבת־ליכט
ניטאָ מער
געווען אַמאָל אַ יום־טוב אין מיין גאָרטן
אַזוי צו זאָגן...
פוילן פון שינאה און קברים
מילע־גאַס
שוואַרצע נאַכט
די מוטער שרהס געוויין
אויך איך בין אין טרעבלינקע ניט געווען
וואַרשע
די זון האָט פאַר חרפה...
קדיש
פליטים
פון טויזנטער גאַרגלען
בלויז איין שטיוול
אין ים פון בלוט
נאָך צופרי יום־טובים צו פראַווען